STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05626

DOS GAYSTIKE PONEM FUN GETO

Abraham Ajzen

*Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Douglas & Louise Mund
in memory of
Poppy Max & Grandma Bella Lenobel and Grandma Tilly Lebowitz*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. אייזען

דאָס גייסטיקע פּנים פון גועטאַ

אַרויסגעגעבן פון יידישן קולטור־צענטער
אין מעקסיקע

מעקסיקע, 1950

A. AJZEN

El Cariz Espiritual del Gueto

EDITADO POR CENTRAL CULTURAL
ISRAELITA EN MEXICO, D. F.

פונעם זעלבן מחבר דערשינען:

„שטאָם און צווייג", נאָוועלן, קלעצקין — ווילנע — 1938

„מענטשן פון געטאָ", נאָוועלן, ציקאָ־פאַרלאַג —

ניו־יאָרק — 1949

אינהאַלט:

זייט

הקדמה	7
פאַרן ווילנער געטאָ	11
מיינע פריינד — די טרוימער	25
בּלּטוערישער קדוש־השם	34
דער ערשטער נסיון	42
זקנים	50
עטישע פּראָבלעמען	56
די פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעם	63
פּריווילעגירטע יידן	71
צוואַנגס־אַרבעט און קולטור־טעטיקייט	77
אַ געטאָ־וואָך	86
פאָלק און טויט	101
די שולד פון די שכנים	107
די שולד פון די אומשולדיקע	113
די זינד פון דער מענטשהייט	118
גייסטיקער ווידערשטאַנד	124
גאָט־זוכעניש	131
דאָס קינד פון געטאָ	140
ווילנער געשטאַלטן	147
פיזישער ווידערשטאַנד	165
ערב ליקווידאַציע	171
אָפּשייד	177

⁂

רשימה פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין ווילנע	189

הקדמה פונעם מחבר

אין דער גאַנצער ליטעראַטור — קינסטלערישער און אינפאָרמאַטיווער, — וואָס האָט זיך אין שייכות מיט אונדזער גרויסער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע באַוויזן אויפן ביכער־מאַרק נאָך די שווידערלעכע יאָרן 1939—1945, איז צו באַמערקן אַ געוויסע איינזייטיקייט. זי באַשטייט אין דעם, וואָס — מיט אייניקע אויסנאַמען — גיבן זיך די מחברים הויפּטזעכלעך אָפּ אָדער מיט שילדערן די ליידנס־געשיכטע פון די קרבנות, אָדער מיט זייער העלדישקייט, אָדער גאָר מיט דער פּרימיטיווער פּסיכאָלאָגיע פון די מערדער. דאָס אַלץ איז טאַקע זייער וויכטיק, אָבער באותו זמן זייער ווייניק. ווייניק דערפאַר, ווייל ס׳איז נאָך אַ באַגרינדעטע מורא פאַר היסטאָרישער איבערחזרונג און היסטאָרישער פאַראַלגעמיינערונג. גלאָריפיקאַציע פון ליידן און פון העלדישקייט — האָבן מיר דען נישט מערקווירדיקע מוסטערן פון זיי אין אונדזער געשיכטע און אין אונדזער פאָלקס־זכרון? אָבער דערמאָנט זיך, ווי ביי יעדער טרויעריקער געלעגנהייט רעכענען מיר בנשימה אחת אויס די קרייצצוגן מיט דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, די גזירות ת״ח ות״ט מיט די רוסישע פּאָגראָמען אין 19 י״ה. ווער פון אונדז איז אָבער מסוגל צו מאַכן אַ גייסטיקע אינטראָספּעקציע אין די נשמות פון יענע היסטאָרישע קרבנות?

צי ווערט דערמיט געוואָרפן די באַשולדיקונג, אַז מיר באַנעמען נישט די טיף פון אונדזער הייִנטיקער טראַגעדיע? ניין, הערן מיר דאָך אויף שריט און טריט פון אונדזערע מיט־

בענטשן די האַרציקע, ביטערע אויסגעשרייען: „אַזאַ אומגליק איז נאָך אויף דער וועלט נישט געווען!", אָדער: „די סאַמע גרעסטע קאַטאַסטראָפע אין אונדזער געשיכטע!" די סכנה אָבער, אויף וועלכער ס׳איז פריער אָנגעוויזן געוואָרן, באַשטייט בעיקר נישט פאַר אונזער דור, נאָר פאַר דער צוקונפט. די קומענדיקע דורות וועלן פון אונדזער איצטיקן, סטערעאָטיפּישן צוגאַנג צום מאָדערנעם מאַרטירערטום באַקומען בלויז אַ מאָדיפיצירטע געשטאַלט פון יסורים און פיזישן פיין. זיי וועלן דעם גרויסן פאָלקס־אומגליק באַנעמען בלויז אין קוואַנטיטאַטיוון זין (אומקום פון זעקס מיליאָן!), זיי וועלן אָבער בשום אופן נישט בכוח זיין אַריינצודרינגען אין דעם נשמה־צושטאַנד פונעם היינטיקן מאַרטירער־ייד. און זיי וועלן אוודאי נישט וויסן מיט וועלכע זעלישע קרעפטן האָט ער זיך גענערט פנים אל פנים מיטן טויט.

דאָס איז ראשית. שנית זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אז מחמת זײַן גאַנצן נאַציאָנאַל־סענטימענטאַלן איינשטעל צו די אומגעקומענע מאַסן און זייערע ליידן ווערט פאַרזען און פאַרשוויגן אַ געוויסער גאָר וויכטיקער אספעקט: דאָס איז דער אַספעקט פון פאַרהאַלטן זיך און מאָראַלישן אויסדויער פון אַ טייל פון די קרבנות. בעת אַ פאָלק געפינט זיך אין אַזאַ אומגעוויינלעכן מחוץ־למחנה־מצב, ווי מיר האָבן זיך געפינען, דעמאָלט ווערט אָוועקגעשטעלט פאַר אַ גרויסן נסיון זיין היסטאָריש־אַקומולירטע גייסטיקע ענערגיע, זיין סאָלידאַריטעט־געפיל פאַר די מיטליידנדיקע און זיין געוויסן. יעדער מאַרטירער מוז דעמאלט געבן אַן ענטפער אויף אַזאַ פראַגע: איז ער מסוגל טייער צו האַלטן דאָס לעבן פון זיינע ברידער, אָדער ער איז גרייט מקריב צו זיין יענעמס לעבן פאַרן אייגענעם... ווי שווער און אומצינגענעם ס׳זאָל נישט זיין צו פאַרנעמען זיך מיט דעם אַ אַספעקט, מוז עס אָבער געטאָן ווערן! שוין צוליב דעם, ווייל אַ חשבון מוז געפאָדערט ווערן פון אלע, — לעבעדיקע און אומגעקומענע — וואָס האָבן דעם נסיון נישט אויסגעהאַלטן! און אוודאי צוליב דעם, ווייל דאָס וואָלט געווען אין דער צוקונפט

אומגעהייער נוצלעך פֿאַרן גייסטיקן געזונט פֿונעם פֿאָלק און זיין עטישער היגיענע.

און דאָס איז נאָך נישט אַלץ. פֿון דער איבנדערמאָנטער איינהייטיקייט פּליסט אַרויס א צווייטע ווייט נישט קיין קלענערע געפֿאַר: די געפֿאַר פֿון באַגרענעצן דעם אומקום פֿון די מיליאָנען צו צייט, אָרט און מערדער. צייט: 1939—1945; אָרט: אייראָפּע; מערדער: די דייטשן. אמת, אַזוי זענען טאַקע די פֿאַקטן. אָבער מען דאַרף נישט פֿאַרגעסן דעם בייזן גייסט, וואָס שטייט אונטער יענע באַשיימפּערלעכע פֿאַקטן. יענער בייזער גייסט דאָס איז א מין קאָמבינירטער עמאָציאָנעלער קאָמפּלעקס פֿון גלייכגילט, שנאה, פּחדנות, שפּאָט, שאָדנפֿרייד און אכזריות פֿונעם רוב מענטשן פֿון אונדזער צייט. ער — דער בייזער גייסט — האָט דאָס מעגלעך געמאַכט די גאַנצע אַטמאָספֿערע פֿון די אומקום־יאָרן. די דייטשן זענען בלויז געווען די הענקער־נאַציע, וואָס האָט דעם אָ געהיימען ווילן פֿון די מערדער־מענטשן אויסגעפֿירט. א סך פֿון אונדז פֿילן אָט דעם גרויליקן אמת. אָבער קיינער וואַגט נישט זיך צו דערגרונטעווען צו אים און אוודאי און אוודאי נישט אַרויסזאָגן אים. מען פֿאַרשטייט, אַז אָפֿטע אָרגאַניזירטע, אַגרעסיווע מלחמות שטאַמען פֿון א שלעכטן אינסטינקטן־קוואַל. מען וויל אָבער נישט מודה זיין, אַז דער זעלבער שלעכטער אינסטינקטן־קוואַל קען ברענגען צ ם אומקום פֿון אַ גאַנץ פֿאָלק.

באַקומט זיך נישט פֿון אַזאַ צוגאַנג אַ טיפֿער אומגלויבן אין דער עטישער סטאַבילקייט פֿונעם היינטיקן מין מענטש? יאָ! דאָס באַקומט זיך; און דאָס וואָלט געדאַרפֿט זיין די ווייטערדיקע אויפֿגאַבע פֿון אונזער חורבן־ליטעראַטור: אַראָפּרייסן דעם פֿייגנבלאַט און אַנטפּלעקן די אומזיכערקייט, גייסטיקע צעפּלאָטנקייט און עטישע פֿינמלאָזיקייט פֿונעם מענטש פֿון אונדזער יאָר! באַווייזן, אַז אין זיין היסטאָרישער אַנטוויקלונג האָט ער זיך דערקייקלט צום אָפּגרונט פֿון ראַפֿינירטער, צביעות און בלוטדורשטיקייט. א ביטערער, א שרעקלעכער אמת, אָבער אַן אמת! און אפֿשר איז דאָס טאַקע דער העכערער, פּסיכאָלאָגישער זין פֿון דער קאַטאַסטראָפֿע: די עטישע איבער־

זעוציונג פון דער איבערגעפירטער מענטשהייט? און אפשר דאַרף דאָס טאַקע זיין די נייע שליחות פונעם יידישן מאַרטירער־פאָלק?

דאָס פאָרליגנדיקע בוך וויל טאַקע באהאַנדלען די אָ באַ־ רירטע פראָבלעמען אויפן סמך פון די פאַקטן. עס איז אַ פרווו צו געפינען אַן ענטפער אויף דריי גרונט־פראַגעס, וואָס מאַ־ טערן דעם ערלעכן מענטשן פון אונדזער צייט: 1) דאָס גייס־ טיק־העראָישע פאַרהאַלטן זיך פון די מאַרטירער; 2) דאָס ברעכן זיך פון די עטיש שוואַכערע און — 3) די שולד־פראַגע אין ברייטן זין פון וואָרט. די פאַקטן זענען סירוב גענומען פונעם ווילנער געטאָ, וו דער מחבר האָט אַ צייט געלעבט. ער האָט אָבער געפינען פאַר נייטיק צוליב פרינציפיעלע טעמים — כדי קלאָרער צו מאַכן דעם לייענער דעם העראָישן גייסט פון „די קרבנות — צו געבן אין אָנהייב בוך אַ ספעציעל קאַפיטל וועגן מאַרטירערטום פון דער ווילנער פראָווינץ.

דער מחבר

פֿאַרן ווילנער געטאָ

קאַפּיטל 1.

אָנהייב אויגוסט 1941 זיינען מיר — אַ גרופּע יידן פון ווילנע — געשיקט געוואָרן אויף טאָרף־און ערד־אַרבעט אינם לאַגער „זאַטראָטשע", איין קילאָמעטער הינטער טראָק.

דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער אַזוי גערופענער „באַפּאָנעס־אַקציע". הונדערטער יונגע מענער פלעגן אין ווילנע טאָג־טעגלעך אַרויסגענומען ווערן פון די הייזער כלומרשט אויף „אַרבעט", און מער זענען זיי שוין נישט צוריקגעקומען. אין משך פון עטלעכע וואָכן זענען אַזוי אַרום בערך צען טויזנט יונגע מענטשן פאַרשוואונדן געוואָרן אָן שום שפּור. דאָס — צוזאַמען מיט די גזירות, וואָס האָבן זיך אומאויפהערלעך געשיט אויף דער יידישער באַפעלקערונג — האָט גורם געווען, אַז פיל ווילנער יידן האָבן זיך געריסן אויף דער פּראָווינץ. מ'איז געפאָרן אין די אַרבעטס־לאַגערן קענע, בעזדאַן, וואַקע, ביאַלאָוואַקע. דער מיין איז געווען: אין די קלענערע ערטער איז רואיקער... דאָרט וועט מען איבערוואַרטן, אפשר וועלן זיך די היטלעריסטישע רוצחים דערווייל אַביסל איינשטילן. די זעלבע כוונה האָט אויך געהאַט אונדזער גרופּע. און מחמת אײלעניש האָבן פיל פון אונדז נישט באַוויזן מיטצונעמען די סאַמע נייטיקסטע זאַכן ווי קאָלדרעס, שיסל, לעפל וכדומה.

געקומען קיין זאַטראָטשע, האָבן מיר באַשלאָסן צו שיקן אַ פּאָר שליחים אין נאָענטן שטעטל טראָק אויסצולייען ביי

די דאָרטיקע יידן די פעלנדיקע חפצים. געגאַנגען בין איך און דער מוזיקער ליכטמאַכער, אַ געוועזענער מיטגליד פון דער פילהאַרמאָניע. כדי זיך נישט צו וואַרפן אין די אויגן, האָבן מיר אַראָפּגענומען פון זיך די מגן־דודס. אמת, דאָס איז געווען אַ גרויסע ריזיקע. אָבער פּאָרט האָבן מיר עס געמוזט טאָן. ווי יידן האָבן מיר נישט געטאָרט זיך אַרויסרירן פונם לאַגער.

טראָקי האָט זיך פאַר דער מלחמה גערעכנט ווי אַ קרייז־שטאָט און געציילט ביי אַ טויזנט יידישע איינוווינער. אין יענער צייט איז זי באַקאַנט געווען ווי די פּערטע שטאָט אין פּוילן מיט אַ קאַראַימישער קהלה (נאָך ווילנע, לוצק, האַליטש). אַרומגענומען אין אַ האַלבראָד מיט אַ ברייטער אָזערע, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן מיט געדיכטע סאָסנע־און נאָדל־וועלדער — האָט טראָק שטענדיק געצויגן צו זיך טוריסטן, נאַטור־ליבהאָבער. דער עיקר אָבער האָט געררייצט דעם נייגער דער אָרטיקער האַלב עקזאָטישער קאַראַימער שבט, וואָס האָט געהאַלטן, אַז ער שטאַמט נישט פון יידן, נאָר פון דעם אַמאָליקן מאָנגאָלישן באַזאַרן־פאָלק. ווען איך בין אין 1938 געווען אויף אַ באַזוך אין טראָק, האָב איך זיך וועגן דעם לאַנג מתווכח געווען מיט זייער רעליגיעזן ראש, דעם „חזן", וואָס האָט רק געטענהט, אַז די קאַראַימער זיינען נישט קיין סעמיטן, נאָר מאָטערן לויטן אָפּשטאַם. ער האָט זיך דערביי פאַררופן אויפן מערקיש־טאָטערישן דיאַלעקט, וואָס זיי נוצן עד היום צווישן זיך. אַ סברה, אַז אָט דער פאַנאַטישער פּרווו ווי וויים מעגלעך זיך אָפּצוטיילן פון יידן איז פון זייער זייט געווען אַ מין מיטל אויף איבערצוצייגן די היטלעריסטישע ראַסן־טעאָרעטיקער. און דאָס איז זיי טאַקע געראָטן. די דייטשן האָבן זיי געלאָזט צורו...

אַריין קיין טראָק, זיינען מיר נשתומם געוואָרן פון דער אימהדיקער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין שטאָט. דאָס איז געווען שבת נאָכמיטאָג. אין אַזאַ צייט פלעגט געוויינלעך די טראָקער יוגנט ראַשיק זיך באַוועגן איבער די גאַסן. איצט איז אַלץ געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. זעלטן־ווען האָבן זיך צופעליקע קאַראַימישע דורכגייער מיט זייערע כאַראַקטעריס־טישע, סעמיטישע פּנימער אַ וויז געטאָן ערגעץ אויף אַ ראָג און מיטאָמאָל נישט געוואָרן. און געדוכט האָט זיך, אַז דער שוואַרצער, געשפּענסטערישער שאָטן, וואָס שפּרייט זיך איבער די יידישע קעפּ, וויל זיי — די קאַראַימער — אויך אַריינכאַפּן אונטער זיינע פליגל, אָבער זיי לאָזן זיך נישט! זיי ראַנגלען זיך מיט אים און גליטשן זיך אַרויס פון זיין נעץ...

לעבן איינער אַ שטוב אין צענטער שטעטל האָבן דורך אַ שויב געקוקט אויף אונדז אַ פּאָר אויגן. קיין פּנים האָט זיך כמעט נישט געזען, נאָר די אויגן — פינקלדיקע, פאַרחידושטע, פרעגנדיקע — האָבן אונדז אַדורכגעקבערט און צוגעשמידט צום אָרט. מיר האָבן דערשפּירט: יידישע אויגן... מיר זיינען אַריין אינעווייניק און דערזען: אַ שטוב מיט שבתדיקע טיש־טעכער אויף די טישן. אויף אַ קליין, געבלומט סערוועטל — צוויי מעש׳ענע לייכטער. צוויי פרויען — אַ מוטער מיט אַ טאָכטער — האָבן אונדז מער מיטן בליק ווי מיטן מויל גע־פרעגט: ווער און פונוואַנען זיינען עס יידישע יונגעלייט?

מיר האָבן, דערציילט נאָך וואָס מיר זיינען געקומען. אַ וואָרט צו אַ וואָרט — מיר זיינען געוואָר געוואָרן: די יידן דאָ פילן זיך דערווייל נישט שלעכט. שוין העכער זעקס וואָכן ווינט די דייטשן זיינען אַריין, אָבער קיין מערדערייען זיינען זיי דאָ נאָך נישט באַגאַנגען. אמת, גזירות פעלן נישט: מ׳שלעפּט

צו דער אַרבעט, מ׳מוז טראָגן געלע לאַטעס, מ׳טאָר נישט גיין אויפן טראָטואַר — אָבער ווייטער פון דעם גייט עס נישט דערוויל. פיל יונגעלייט זיינען אַנטלאָפן קיין ראַטנפאַרבאַנד, אָבער די איבערגעבליבענע האַלטן זיך מוטיק. די טראָקער יידן זיינען בכלל זיכער, אַז די דייטשע הערשאַפט וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן. מיט זייער זיכערקייט און דרייסטער האַלטונג שטעקן זיי אָן די אַרומיקע יידישע ישובים. אַט זיינען עטלעכע מענטשן פון אַנדערע ערטער געקומען וווינען אין טראָק. צווישן זיי — אַ לערער פון דער ווילנער פּראָוויץ־פאַבשול אויף סובאָטש־גאַס.

מיר זיינען געווען פאַרבלעפט פון דער גייסטיקער שטאַרקייט, וואָס מיר האָבן אַרויסגעפילט אין די צוויי פרויען.

— נו, גוט — האָבן מיר געזאָגט — אָבער פאַרוואָס באַהאַלטן זיך אַזוי אַלע אין די הייזער? פאַרוואָס זעט מען נישט קיין לעבעדיקן נפש אין גאַס?

— גלייכער אַזוי. בעסער זיך נישט וואַרפן אין די אויגן. וואָס איבעריק — איז איבעריק...

און די עלטערע פון זיי — אַ פרוי אין די 60־קער מיט אַ צעפלאַמט פּנים און הייסן, שנאַהדיקן ב׳יק — גיט מיטן פינגער ענערגיש אַ ווייז אויפן סופיט:

— איר זעט? דאָ אין דער הויך וווינט אַ ליטווישער אָפיצער, אַ שאולס. ער זאָגט מיר, כ׳זאָל נישט גיין אויפן טראָטואַר. זאָג איך אים: „איך זאָל נישט גיין? און ווער האָט דאָס אַ הויז געבויט? און ווער האָט דעם טראָטואַר לעבן שטוב געמאַכט? איך! מיט מיינע פינגער, מיט מיין בלוט!...” און פאַר זיינע אויגן גיב איך מיר אַ שפּאַציר אַדורך מיט די הענט אונטער די באָקעס איבערן סאַמע מיטן לאַווע. און וואָס

קלערט איר? ער האָט פאַרביסן די ליפּן און איז אַרויף צו זיך אַן איין וואָרט צו ענטפערן...

די פּרוּוּען האָבן פון עטלעכע הײַזער צונויפגעזאַמלט פאַר אונדז די זאַכן און מיר זײַנען אַוועק צוריק אין לאַגער.

2.

אין חודש אויגוסט איז מיר אויסגעקומען נאָך עטלעכע מאָל צו זײַן אין טראָק.

אונדזערע גרופּע האָט אין זאַטראָטשער מאַיאָנטעק, וואָס איז אָנגעשלאָסן געוואָרן אין דער דײַטשער לאַנדווירטשאַפטס־געזעלשאַפט „אָסטלאַנד", שטאַרק געליטן. אין רוב איז זי באַשטאַנען פון אינטעליגענטן, געוויזענע גײַסטיקע אַרבעטער, וואָס זײַנען צו שווערער, פיזישער אַרבעט נישט געווען צו־געוווינט. צווישן אונדז זײַנען געווען אַזעלכע מענטשן ווי דער מאַטעמאַטיק־לערער פון דער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע ליור־באָצקי 1), דער מיטאַרבעטער פון ייִדישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט משה לערער 2), דער אַדוואָקאַט גוטמאַן 3), דער אויבנדערמאָנטער מוזיקער ליבטמאַכער 4) א. א. נאָך עטלעכע וואָכן זײַן אין לאַגער זײַנען זיי געווען אינגאַנצן אויסגעשעפּט און ממש געפאַלן פון די פיס. אחוץ דעם פלעגן די ערגערע עלעמענטן אין דער גוט־אַדמיניסטראַציע און צווישן די פּאַ־ראָבקעס זיך שלעכט באַגיין, שלאָגן און באַוואַרפן מיט טאָרף־ציגל די שוואַכערע, פיזיש אָפּגעשטאַנענע צווישן אונדז.

---

1) שפּעטער אומגעקומען אין לידע, ווײַס־רוסלאַנד.
2) שפּעטער אומגעקומען אין לאַגער קיוויאָלו.
3) שפּעטער אומגעקומען אין עסטאָניע.
4) שפּעטער אומגעקומען אין עסטאָניע.

װעגן דעם אַ ענין בין איך עס געגאַנגען צו דער טראָקער קהלה. כ׳האָב זײ געגעבן אָנצוהערן, אַז ס׳װאָלט נישט געשאַדט, װען מ׳װאָלט דורך שטעטלדיקע קריסטן געפּרוּװט װירקן אױף די זאַטראָטשער כוליגאַנעס. די קהלה־לײַט האָבן מכוח דעם איבערגערעדט מיטן אָרטיקן פּױלישן גלח, װאָס האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט אונדזער גורל. אינם נאָענטסטן זונטיק האָט ער געהאַלטן אַ רעדע צו זײַנע מתפּללים און גערופֿן מיטפֿילן די ייִדן אין זײער גרױסן אומגליק. דאָס האָט געהאַט אַ פּעולה. אין לאַגער איז געװאָרן רואיקער.

דער פֿאַקט האָט מעיד געװען, אַז די היגע ייִדן זענען נישט אײנגאַנצן אײנזאַם. בעת די װײטערדיקע געשעענישן האָט זיך טאַקע אַרױסגעװיזן, אַז זײ האָבן פֿרײַנד צװישן די קריסטלעכע שכנים. נאָך אַ קורצן פּעריאָד פֿון רו האָבן זיך אױף די טראָקער גענומען שיטן מאַסן גזירות און באַגרענעצונגען. די דײַטשע מאַכט־אָרגאַנען מיט זײערע ליטװישע שאָװיניסטישע באַהעלפֿער האָבן זיך באַמיט אָפּצוזונדערן די ייִדן פֿון דער אַרומיקער באַפֿעלקערונג. ס׳איז געװאָרן אוממעגלעך זיך צונױפֿשאַפֿן שפּײַז אױפֿן מאַרק, שױן אָפּגערעדט פֿון גײן אױפֿן דאָרף נאָך פּראָדוקטן. דאַן האָבן די פּױערים זיך אײַנגעשטעלט און אַלײן אַרײַנגעטראָגן אין די ייִדישע הײַזער אַלע מינים לעבנס־מיטלען.

אָט די אַקטן פֿון מיטגעפֿיל און מענטשלעכקײט האָבן נאָך מער געשטאַרקט די מוטיקע האַלטונג פֿון דעם טראָקער ישוב. און זײ, װאָס דער חלק איז זײ שױן אַלײן געלעגן אױפֿן האַלדז, האָבן די דערשלאָגענע װילנער ייִדן פֿונם לאַגער „זאַטראָטשע" געטרײסט, אױסגערעדט, מיטגעהאָלפֿן... זײ זענען אַדורכגעגאַנגען אַלע צרות און רדיפֿות מיט אױפֿגע־

הויבענע קעפּ. כ'דערמאָן זיך די שמועסן, וואָס כ'האָב אין יענער צייט געהאַט מיט פאַרשידענע אָרטיקע תושבים. אין יעדן פון זיי האָט זיך אַרויסגעפילט קראַפט, גלויבן; און יע־יעדער פון זיי האָט עפּעס פון אינעווייניקסטע, באַהאַלטענע קוואַלן געפּרוווט אַרויסוועבן אָט די וויזיע, ווען די היטלערי־שע מאַכט וועט צעשמעטערט ווערן, אַ וויזיע, וואָס איז טאַקע אין עטלעכע יאָר אַרום מקוים געוואָרן, אָבער וועלכע זיי — די שטאָלצע מאַרטירער — האָבן שוין נישט דערלעבט.

אָט איז, למשל, אַ געשטאַלט: דער עטלעכע און דרייסיק־יעריקער שוסטער, דער קרומער משה. ער זיצט אויפן בענקל אין זיין וואַרשטאַט און פאַרריכט די שיך פון זאַטראַטשער יידן. אין שטוב זיינען דאָ קריסטן, וואָס וואַרטן מיט באַשטע־לונגען. „איר זענט בילכער — זאָגט משה — זיי קענען אויס־האַרן אַביסל. אויב נישט איך, טאָ ווער וועט אייך פאַרריכטן?״ משה קוקט נישט, וואָס אין צימער זיינען דאָ פרעמדע. עפּעס טראָגט אים זיך אינגאַנצן אויסצורעדן. ער הייבט זיך אויף פון אָרט — דער קורצער, הינקעדיקער פיס עטוואָס אין דער לופטן — און שטעלט אין מיר אַריין אַ פּאָר גליאיקע אויגן, בעת זיין אויסגעמאָגערט, שוואַרץ געזיכט פלאַמט פון איינגע־האַלטענעם צאָרן:

— „ער״ וועט צעשמעטערט ווערן! כאָטש ס'גייט אים איצט אויפן פראָנט. דאָס גייט ער אַזוי גיך צו זיין אייגענעם סוף...

ביים זעלבן טיש זיצט משהס פאָטער, אויך אַ שוסטער. אַ ייד מיט אַ גראָעד באָרד, רואיקע געזיכט־שטריכן און בנעי־מותדיקע באַוועגונגען. ער יאָגט די שטיפטן אין די פּאָדעש־וועס, פּאַטאַקעוועט צו דעם זון און זאָגט, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פונם וואַרשטאַט:

— ער וועט צעשמעטערט ווערן אויך דערפאר, ווייל ער האט אנגעהויבן מיט יידן! מיר זיינען טאקע א הילפלאז, אומ־גליקלעך פאלק, אבער מיינט נישט, אז לית דין ולית דיין!...

מער דאגהפול, אבער אויך מוטיק, זענען געווען אנדערע יידן פון שטאט. אט זאגט מיר דער פריער דערמאנטער לערער פון דער ווילנער פרויען־פאכשול, וואס האט זיך באזעצט אין טראק:

— מיר האבן פארבינדונגען מיט געוויסע לייט פון דער מאכט. טאמער אן עת צרה וועט מען אונדז פריער צוויסן געבן... אט האט מען אונדז מודיע געווען, אז ס'גרייט זיך א פראוואקאציע. מ'וועט בשעתן דאווגען זוכן אין דער סינא־גאגע געווער און... מ'וועט מסתמא געפינען. האבן מיר אפ־געמאכט דערוויל איינגאנצן צו שליסן די שול און — פון דער פראוואקאציע איז גארנישט געווארן...

אן אנדערער — דער פרעזעס פון דער קהלה — האט געקוקט אויף דער לאגע פון דער פראקטישער זייט:

— די היגע יידן זענען ס'רוב בעלי מלאכות און ארבעטער. די שטאט און ס'דארף נויטיקן זיך אין אונדז. ס'איז נישטא ווער ס'זאל אונדז פארבייטן!...

דאס האט ער געזאגט בערך דריי וואכן פאר דער שחיטה פון פיר ישובים ביי דער טראקער אזערע.

3.

נאכדעם ווי אין ווילנע איז אין סעפטעמבער 1941 איינ־געפירט געווארן א געטא, זענען מיר — עטלעכע לאגער־ארבע־טער — בגניבה אוועק אהין, כדי געוואר צו ווערן וואס דארט טוט זיך. צוריקוועגס בין איך אפגעטראטן אין טראק און אריין צו מיינע באקאנטע. אומעטום, וווּ כ'בין געווען, האב

איך געטראָפן גרופּקעלעך שטאָטישע און דאָרפישע קרים־טן. די יידן האָבן צונויפגעקליבן פאַרשיידענע שטוב־זאַכן און קליידער, געבונדן זיי אין פּעקלעך און איבערגעגעבן אויף צו באַהאַלטן די נישט יידישע שכנים.

— וואָס טוט זיך דאָ ביי אייך? — פרעג איך אַ דערשטוינ־טער ביים שוסטער, דעם קרומען משה.

— מיר גרייטן זיך... אונדז וועלן זיי נישט טרייבן, ווי די ווילנער יידן אומגעריכט אין געטאָ! מיר וועלן זיי נישט אי־בערלאָזן קיין פולע הייזער...

— ווייסט איר שוין אויף געוויס, אַז הי וועט זיין אַ גע־טאָ? — פרעג איך ביי מיין באַקאַנטן, דעם געוועזענעם לערער פון דער פרויען־פּאַכשול.

— אויף געוויס ווייסן מיר נאָך נישט, אָבער נאָך מעשה ווילנע איז אַלץ מעגלעך... גלייכער צו זיין גרייט!

אין אַ וואָך אַרום איז אין לאַגער צו אונדז דערגאַנגען די ידיעה, אַז טראָקער יידן האָט מען אַריינגעטריבן אין אַ געטאָ. געשען איז עס טאַקע אומדערוואַרט. אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט מען אַלעמען אַרויסגעיאָגט פון די הייזער, געהייסן נע־מען מיט זיך קליינע, לייכטע פּעקלעך און פאַרשפּאַרט זיי אינם גרויסן בנין פון דער געוו. פּוילישער ים־ליגע ביי דער אָזערע. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען אין דער זעלבער געביידע גענומען אַריינפירן די אַרויסגעטריבענע יידן פון די נאָענטע שטעטלעך אַרום ווילנע: אָראַני, לאַנדוואַראָוו און ראָ־דזשישקי. צוזאַמען האָט מען דאָרט צונויפגעקוועטשט ביי אַ צוויי טויזנט מענטשן.

דעם ערשטן טאָג ראש־השנה האָבן זיך אין אונדזער לאַ־גער זאַטראָטשע באַוויזן עטלעכע באַוואָפנטע שאַוליסטן. זיי

זענען צו צום האַלץ, ווו מיר האָבן געאַרבעט, געקוקט אויף אונדז מיט שפּאָטישע פּנימער און געפרעגט: — „ווו זענען די איבעריקע יידן?״

פון דערבייאיקן הויז איז אַרויס צו זיי דער פּאַרוואַלטער.

— וויפל יידן זענען דאָ אין זאַטראַטשע? — האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטאָן צו אים.

— 45 מאַן.

— ווו זענען זיי?

דער פּאַרוואַלטער האָט זיי געזאָגט, אַז די מענטשן זענען אין פעלד, עפּעס אין זיי אַריינגעטענהט און זיי פאַרבעטן אין שטוב.

אין אַ שעה אַרום זענען זיי אַרויס שיכור ווי לוט און אוועק. באַלד איז אונטערגעקומען דער פּאַרוואַלטער.

— זיי געהערן צום ליטווישן עקזעקוציע־באַטאַליאָן, וואָס די דייטשן האָבן אָרגאַניזירט אין ליטע — האָט ער אונדז דער־ציילט, — זיי זענען געקומען אויסשיסן די יידן פון דער גאַנצער געגנט...

— וואָס האָבן זיי דאָ געוואָלט?

— אייך אויך צונעמען... קוים אייך אָפּגעבעטן! כ׳האָב זיי געזאָגט, אַז כ׳בין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אייך; אַז כ׳מוז אייך שפּעטער צוריקשטעלן צו דער ווילנער מאַכט. זיי האָבן זיך אָנגעטרונקען און אוועק. ס׳איז אָבער קראַנטער דערווייל זיך אויפצוראַמען... מ׳קען פאַר גאָרנישט גאַראַנטירן!

מיטיק־צייט האָבן מיר אַרויפגעשטעלט דעם קעסל זופּ אויפן וואָגן און אוועקגעפאָרן צו אונדזערע אַרבעטער אין פעלד.

מיר האָבן באַשלאָסן זיך אויסצובאַהאַלטן אין וואַלד, איין

קילאָמעטער פון זאטראַטשע. אין מיטן דער נאַכט האָבן מיר פון דער זייט גוט דערהערט געשרייען. דער טומל האָט אָנגעהאַלטן ביי אַ שעה צייט. באַלד האָט זיך דערטראָגן אַהער אַ פּרעכטיק געזאַנג פון אַ באַקאַנט ליטוויש זעלנער־לידל:

„צען טעג געקאָרמעט האָט מען אונדז מיט פערדנפליש,
פערדנפליש!
ביי טאָג אַ פונט, ביינאַכט אַ פונט פערדנפליש,
פערדנפליש!
און אויפן עלפטן טאָג — געהירזשעט האָבן מיר, איי געהירזשעט;
געקאַפּעט האָבן מיר, איי געקאַפּעט;
געהירזשעט האָבן מיר ווי פערד,
און געקאַפּעט ווי די פערד — — — —

די ווערטער — אָפּגעהאַקטע, שפּאָטישע, רויע — האָב געלעסטערט די שטילע לופט און חוזקדיק־גראָב זיך געריבן צווישן די ביימער. און געדוכט האָט זיך, אַז נישט בלויז אונדזערע פאַרביטערטע הערצער, נאָר אויך דער פינקלדיקער, אויסגעשטערנטער הימל, די שלאַנקע סאָסנעס אין וואַלד ווערן עס איצט פאַרשוועכט און געקאַפּעט דורכן מערדערישן כאָם...

עטלעכע טעג האָבן מיר זיך געהאַלטן ווייט פון לאַגער. די ערשטע צוויי טעג האָט זיך פון דער שטעטלשער זייט געהערט אַ כסדרדיקע שיסעריי. אויפן דריטן טאָג איז שטיל געוואָרן. פויערים זענען געקומען און דערציילט, אַז מ'האָט אונדז געזוכט און אַז די צוויי טויזנט יידן פון דער ים־ליגע זענען אויסגעשאָסן געוואָרן.

— איר מעגט זיך שוין אומקערן — האָבן זיי געזאָגט — דער עקזעקוציע־באַטאַליאָן איז שוין אָוועקגעפאָרן.

אויפגעטרעסלטע, אַדורכגענומענע האָבן מיר אויסגעהערט די שווידערלעכע ידיעה. אַ טייל פון אונדז האָט געהאַלטן, אַז אין זאַטראַטשע איז שוין איצט נישט זיכער און גלייך פון דאָרטן פאַרקערעוועט צוריק קיין ווילנע. די איבעריקע האָבן זיך אומגעקערט אין לאַגער.

אין אייניקע טעג אַרום איז קיין זאַטראַטשע געקומען אַ טראָקער פּאָליאַק מיטן נאָמען ווילקאָווסקי. ער האָט דערציילט:

— מיין הויז געפינט זיך נישט ווייט פון עקזעקוציע־פּלאַץ. כ'האָב אַלץ צוגעזען. צום ערשט האָבן זיי געברענגט צו פירן די מענער. דער יאָמערלעכער געשריי פון די איבערגעבליבענע פרויען און קינדער האָט זיך פון דער ים־ליגע דערטראָגן אַזש ביזן אָרט, וווּ איך בין געשטאַנען. די מאַנסלייט זענען גע־גאַנגען רואיק, שווייגנדיק. ווייזט אויס, אַז די באַנדיטן האָבן זיי צוגעזאָגט צו שוינען די ווייבער און קינדער — פּשוט זיי אָפּגענאַרט, כדי אויסצומיידן אַ ווידערשטאַנד... נאָך דער שחיטה פון די מאַנסלייט האָט מען גענומען אַרויספירן די פרויען מיט די קינדער. און זיי, וואָס האָבן פריער אַזוי שווי־דערלעך געשריען, זענען איצט מיט גלייכגילטיקע, פאַרשטיי־נערטע פּנימער געגאַנגען צום טויט. נאָך דער עקזעקוציע פון די טאַטעס און מענער האָבן זיי שוין, זעט אויס, אַליין גע־וואָלט שטאַרבן...

ווילקאָווסקי האָט זיך פאַרקלערט אַ ווײַלע און צוגעגעבן:

דאָס אויסטערלישע שווייגן פון די מענטשן אַ מינוט פאַרן טויט איז געווען אַזוי שרעקלעך, אַז ס'האָבן מיר גענומען טאַמלען הענט און פיס. כ'האָב געפילט ווי אַלע גלידער ווערן מיר געליימט פאַר שרעק, און כ'בין קוים דערגאַנגען צו זיך אין שטוב. ביז היינט קען איך נאָך אַלץ נישט קומען צו זיך!...

מײַנע פֿרײַנד, די טרױמער

קאַפּיטל 2.

אָנהייב 1943 זענען אין זאַטראַטשער לאַגער אַראָפּגעלו־מען ליטווישע שאַוליסטן און אונדז, די עטלעכע צענדליק אי־בערגעבליבענע יידן, צוריקגעבראַכט אין ווילנער געטאָ. דאָ האָב איך זיך געטראָפן מיט מיינע פריינד, מיט וועלכע כ'האָב זיך שוין איבער אַ יאָר צייט נישט געזען. וועגן לעבן און טויט פון די אָ וווּנדערלעכע מענטשן וויל איך עס איצט דערציילן.

געהערט האָבן די דאָזיקע מענטשן צו די קרייזן פון יידישע אַרבעטער, שריפטשטעלער און אינטעלעקטועלע, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום דעם סאָציאַליסטישן זשורנאַל „פרייע שריפטן". און כדי פאַרצושטעלן די גייסטיקע קאָנטורן פון אָט די מענטשן, וואָס האָבן זיך מיט דעם אופן פון זייער לעבן אויסגעטיילט פון דער אַרומיקער סביבה; און כדי קלאָר צו מאַכן און איבערגעבן זייערע ווּנטשן און געדאַנקען, וואָס זיי האָבן אַרויסגעזאָגט פאַרן טויט, איז נייטיק פריער צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די „פרייע שריפטן", זייער אידייאישער ווירקונג און סאָציאַל־מאָראַלישער אויסשטראַלונג.

אויפגעקומען איז דער זשורנאַל בערך צוועלף יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס איז געווען אַ צייט, וואָס קען איצט — לאחר המעשה — באַצייכנט ווערן ווי די „שלאָף־תקופה פון די געררעכטע". נאָך יאָרן פון זעלישער געשפּאַנטקייט און

סאָציאַלע אויפטרייסלונגען האָט זיך די גאַנצע ראַדיקאַלע וועלט — בתוכה אויך די יידישע — אַרומגעהילט מיט אַ מאָדערנעם, אומפאַרשטענדלעכן שלייער פון זעלבסטצופרידנקייט און זעלבסטזיכערקייט. מען האָט געחלומט אַ זיסן חלום, אַז מ'האָט די הערנער פון דער געשיכטע אויסגעדרייט פון חושך צו ליכט. איצט וועט זי שוין מיטן אייגענעם אימפּעט — פעלזןפעסט ווי אַ נאַטור־געזעץ — טרייבן אַלץ ווייטער און ווייטער פאָרויס צו דער זון... די אונטערערדישע קולות, וואָס האָבן מרמז געווען, אַז טיף אינעם אינגעווייד פון דער געזעלשאַפט טשאַטעוועט אַ מעכטיקע חיה רעה, וואָס גרייט זיך אַ שפּרונג צו טאָן פון איר נאָרע, האָט מען אָפּגעפּטרט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט, מיט אַ לייכטזיניקן שמייכל וועגן וועלפּעלעך אָן ציין און טיגערס אָן נעגל... די מאַטעריעלע אַנשפּאַר־פּייקטי פאַר אָט דער דאָזיקער זיכערקייט זענען געווען די ביז איצטיקע דערגרייכונגען פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט. די נייע לעבנס־יסודות פון די ראַטנפאַרבאַנדישע פעלקער האָבן געלאָקט און באַצויבערט באַדייטנדיקע טיילן פון דער אייראָפּעישער אַרבעטערשאַפט, וואָס האָבן גענומען גלייבן אינם גיכן איבערבייט פון דער פּסיכישער נאַטור פונם כלל און זיין עקאָנאָמיק. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע ווייטער האָט געדרעמלט און געחלומט אירע אייגענע חלומות: דאָס זענען געווען שלווהדיקע, באַלעבאַטישע תלומות פון כמות, פון פאָרם — פון פּאַרלאַמענטאַרישע און פּראָפעסיאָנעלע נצחונות, פון מאַסנהאַפּטיקייט פון דער מיטגלידערשאַפט — אָבער נישט פון אידייאישער פאַרטיפונג און עטיש־סאָציאַלער באַנייאונג.

איינגעשלעפערט און פאַרגליווערט איז דעמאָלט געווען אויך די יידישע גאַס. ווי זי וואָלט זיך אָנגעשטעקט מיט דער גייס־

טיקער פּוילקייט פון דער נישט־יידישער סביבה! די קראַנק־הייט פון די אומות העולם — דער גלויבן אין מאַכט און כּמות — האָט זיך שאַרף איינגעפרעסן אין די יידישעביינער און דאָ אָנגעמאַכט נאָך ווייטערע חרבונות. דאָס פאָלק פון הלל הזקן און רבי יוחנן בן זכּאי, פונם סנה שבוער ואיננו מאוכּל, האָט זיך מיט אַ קינדיש־נאַאיוון בּטחון אַריינגעוואָרפן אין די אָרעמס פון דער אַרומיקער פּאָליטישער אידייען־וועלט. הנה לא ינום ולא יישן שומר המענטשהייט! — האָט עס געזאָלט הייסן. זייערע באַשירמער זענען אונדזערע באַשירמער, און זייערע פעסטונגען זענען אויך אונדזערע! אָט אַזוי האָט די יידישע אידייאישע געזעלשאַפטלעכקייט מיטן רוב פון אירע פאַר־טייען מיט גרוים אייפער און קנאה געטאָן זיך בוקן צום זעלבן אָפּגאָט, וואָס דער נישט־יידישער אַרום: צום כּמות, צו די דראָבנע טאָג־נצחונות, — צום גוף און נישט צו דער נשמה פון דער מאַסע...

אין דעם אַ זעלבסטצופרידענעם גליוועך און געזעלשאַפט־לעכן הינערפּלעט פון יענער צייט האָט זיך מיטאַמאָל געלאָזט הערן אַ נייער, פרישער, וואָרענענדיקער קול: דער קול פון די „פרייע שריפטן”. תחילת אַ קול דממה דקה, האָט ער שפּעטער אַלץ זיכערער, אַלץ פעסטער גענומען זיך שפּרייטן, אַרויסרו־פנדיק די וואַרעמסטע אָפּקלאַנגען אין די הערצער פון דענקענ־דיקע יידן. עס איז געווען די גרויסע וואָרענונג, — אַז די פיינד פונם פאָלק שלאָפן נישט — וואָס האָט געמאַכט, אַז יידישע הערצער האָבן שפּירעוודיק אַ צאַפּל געטאָן; עס איז געווען דאָס וואָרט — אַז דער פרייער גייסט: די אַבסאָלוטע חשיבות פון מענטשן, דער ע[illegible]ישער [illegible] רעוואָלוציאָנערער טאַט זענען די העכסטע ווערטן פון דער קולטור — וואָס האָט גורם

געוועזן, אַז פּשוטע אַרבעטער און האַרעפּאַשניקעס זאָלן זיך טיף פאַרטראַכטן אין מאַכן אַ חשבון הנפש; עס איז געוועזן דער גרויסער אמת — אַז דער ליידנדיקער כלל טראָגט אַליין אין זיך די פאַרשטענדעניש פאַר יושרדיק־מאַטעריעלע לעבנס־יסודות און מיט מילדקייט און געדולד קען מען אויפוועקן זיין אינעווייניקסטן חוש פאַר דאָס גוטע — וואָס האָט אויפגערודערט דעם געוויסן פון פאָלקס־מענטשן. עס איז געוועזן דער רוף צוריקצוגיין צום שורש פונם יידישן גייסט, פון פאָלקס־עטיק, — וואָס האָט אַזוי אויפריכטיק גערעדט צו זייער האַרץ. עס איז געוועזן דער שאַרפער ווייטיק איבער אונדזער מאָראַלישער שפלות, גייסטיקער פלאַכקייט, כלל־טוערישער אחריות־לאָזיקייט, דער רוף צו אַרבעטער־אחדות, צום פּראָדוקטיוון איבערבויען פון אונדזער עקאָנאָמיק, צו יידישער פאָלקס־קאָלאָניזאַציע — וואָס האָט דעם וואַרעמסטן עכאָ געפינען ביי זיי. די „פרייע שריפטן" זענען געוועזן דער אָנזאָג פון אַ נייער, גייסטיקער באַוועגונג ביי יידן. און פּונקט ווי די פריערדיקע היסטאָרישע באַוועגונגען זענען זיי מסוגל געוועזן מיט זייער פרישן שטראָם מחיה־נפש צו זיין דעם פאַרגליווערטן, פון זייז גייסטיקן באָדן אָפּגעריסענעם פאָלקס־קערפּער.

און אָט האָבן זיך גענומען אָפּרופן אַ ריי אידעאַלע מענער פון אונדזער פאָלק. אַרבעטער־מענטשן, שריפטשטעלער און דענקער האָבן פון כל־תפוצות ישראל געגעבן צו וויסן, אַז די אידייען פון די „פרייע שריפטן" זענען בלוט און פלייש פון זייער טראַכטן און האָפענונגען. אין וואַרשע און אין ווילנע, אין לאָנדאָן און בוקאַרעשט, אין לאָדזש און אין ביאַליסטאָק, הרוביעשאָוו און מאַלעריטע, ברעסלאָוו און לעמבערג, און נאָך און נאָך יידישע מקומות האָבן זיך ספּאָנטאַן

גענומען שאַפן קרייזן און גרופּעס, וואָס האָבן זיך געזאַמלט ארום דעם קול מבשר פון זייערע גייסטיקע בענקשאַפטן. און נישט בלויז געזאַמלט האָבן זיי זיך ארום אים: מיט זייערע מע־שים און לעבנס־אופן, מיט זייער שטילן גראָבן אין דער טיף, מיט זייער גאַנצער אייגנאַרטיקער שטעלונג צו אַלע פּראָבלע־מען פון מענטש און ייד — האָבן זיי ארויסגערופן צו זיך אַט דעם געפיל פון חידוש ביי זייטיקע, וואָס האָט מסמן געווען, אַז דאָ פאָרמירט זיך אויס עפּעס אַ נייער, קערנדיקער, גייס־טיק־דינאַמישער מענטש. ווי נאָר זיי זענען אויפגעקומען האָ־בן זיי מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט אומעטום געפּוווט אַריינברענגען אחדות און פאַרבינדונג צווישן ריכטונגען און אָרגאַניזאַציעס. זיי האָבן געשיקט זייערע מענטשן אין די חלוציש־פוילישע קבוצים מיטן ציל צו פאָרן קיין ארץ־ישראל און איבערצוגיין דאָרט צו פּראָדוקטיווער אַרבעט; זיי האָבן אַליין אונטער ווילנע געשאַפן אַ לאַנדווירטשאַפטלעכן קבוץ, האַלטנדיק, אַז אומעטום ווו יידן וווינען דאַרפן זיי איבער־גיין צו פּראָדוקטיווע לעבנס־פאָרמען. נישט קענענדיק זיך מיט־אַמאָל באַפרייען פון אַלע שוואַכקייטן, וואָס דערציונג און לעבנס־תנאים האָבן אין זיי איינגעוואָרצלט, האָבן זיי דאָך מיט זייער אינעווייניקסטן געראַנגל, מיט זייערע זוכענישן, כסדר־דיקע פּרוון מאָראַליש צו שטייגן — געשאַפן זיך ביי די אַרו־מיקע דעם בכבודיקן און פאַרדינטן נאָמען: די עטישע...

צו אַט די עטישע האָבן אין ווילנע געהערשט אַ ריי מענטשן מיט בולטע קאָנטורן פון גייסטיקע און זיטלעכע פּערזענלעכ־קייטן. עס האָט געהערט צו זיי דער פּיזיש־שוואַכער, האַלב בלינדער אַלטער רעוואָלוציאָנער גרשון מאַלאַקעוויטש, מיט זיין אייביק יוגנטלעכן ברען פאַר יעדער דערהויבנקייט אין לעבן

פון יחיד און כלל. אַן אַ משפּחה, פיזיש שווער האָרעווענדיק אויף חיונה, אַן אויסגעמאָגערטער, אַן אויסגעזויגענער פון תפיסות און סיביר נאָך פון די צארישע צייטן — האָט ער יעדן אָפּגעשפּאָרטן גראָשן פון זיינע אָרעמע פאַרדינסטן, די גאַנצע וואַרעמקייט פון זיין איינזאַם, בענקענדיק האַרץ אַוועק־געשאָנקען צו די אַלע, וואָס האָבן זיך אַזוי ווי ער געניטיקט אין אַ ביסל וואַרעמקייט. אין אָט דעם קליינעם, דאַרן גופל האָט געלעבט אַזאַ אומאויסשעפּלעכער קוואַל פון ליבשאַפט צום מענטשן אַלס אַזעלכן, אַזאַ שפּרודלדיקער דאָרשט תמיד זיך מקריב צו זיין, אַז צווישן אַלע ווילנער אָריגינעלע גע־שטאַלטן איז ער געווען דער אָריגינעלסטער, דער מענטשלעכס־טער, דער כאַראַקטערפולסטער. איינער פון די ערשטע האָט ער זיך אַריינגעגאָסן אין דער ווילנער גרופּע „פרייע שריפטן", און איינער פון די ערשטע האָט ער מיט זיין פּערזענלעך לעבן דערוויזן, אַז וואָרט און טאַט זענען ביי אים געווען איינס.

צו דער ווילנער גרופּע האָט אויך געהערט דער פלאַמיקער סאָציאַליסט און פּראָפעסיאָנעלער טוער פייוול טראָופּיאַנס־קי. דאָס איז געווען אַ מעין המתגבר פון ברוינזנדיקער, געזעל־שאַפטלעכער ענערגיע. עס פלעגט זיך אויסדוכטן, אַז אין אָט דעם רירעוודיקן מאַן מיט די פרעכטיקע, שוואַרצע קאַרשן־אויגן רייזלט די ענערגיע און דער ווילן צו מעשים אַזוי שטאַרק, אַז זי שפּאַרט אַרויס פון יעדער באַוועגונג, פון יעדן זשעסט פון זיין אויסגעטאָקטן קערפּער. ער האָט אַריינגעלייגט פיל בו־חות אויף אויסצובויען די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין ווילנע און זיי האַלטן אויף אַ הויכער מדרגה. ער האָט אויך נישט ווייניק התמדה אַריינגעלייגט אין דער אַרבעט פונם באַקאַנטן ווילנער טאָמאַר־פאַרלאַג. די גאַנצע

קראַפט אָבער פון זיין אידעאַליסטישן פייער האָט ער אוועק־געגעבן די גרופּעס „פרייע שריפטן", דער פאַרשפּרייטונג פון זשורנאַל און זיינע אידייען־רופן.

אחוץ די צוויי פריער דערמאָנטע האָבן נאָך אין דער ווילנער גרופּע צווישן אַנדערע געווירקט די שאַרפע אינטעלעקטואַליסטן, פּרעכטיקע דערציערן און קינדער־פּסיכאָלאָג דר. וויטע לעווין; דער סובטעלער מענטש און דענקער — איבערזעצער פון אַלפרעד אַדלערס פּסיכאָלאָגישע ווערק אויף יידיש, מחבר פון אַ מאָנאָגראַפיע וועגן ש. אַנסקי און זיין שאַפן — ראובן ליכטשטיין און זיין פרוי ביילע דאַדיוק; דער זעלטענער אידעאַליסט און שריפטשטעלער א. י. גאָלדשמידט; דער באַרימטער פּעדאַגאָג און דערציער גרשון פּלודערמאַכער; דער ליטעראַטור־קריטיקער פּרץ צונזער; דער באַקאַנטער שול־טוער קלוינסקי; דער יונגער מעדיקער און סאָציאַליסטישער טעאָרעטיקער א. בערנשטיין (אַן אייניקל פונם ערשטן יידישן סאָציאַליסט אהרן ליבערמאַן); דער יונגער מאָלער וו. קאָפּלאַנסקי (וויטאַל); דער צאַרטער פּאָעט און ייוואָ־אַספּיראַנט חיים מוניץ א"א.

זיי אַלע האָבן, ווי פּאָרוים פילנדיק דעם גרויסן אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן אויף אונדזער פאָלק, מיט אידעאַליסטישער פאַרצווייפלונג געפלאַנצט אין די הערצער פון יידישע מענטשן און אַרבעטער די קערנדלעך פון מוט, פון גייסטיקער שטאַנדהאַפטיקייט און מאָראַלישער גבורה. מיט אָט דער ליכטיקער עבודה איבער זיך און איבער אַנדערע זיינען זיי אַריינגעטראָטן אין די פינסטערע טעג פונם חורבן.

בלטשעווער קדוש-השם

קאַפּיטל 3

אין יענער צייט איז איבער דער ווילנער ערד געהאַנגען א בלויער, זוניקער, לויטערער הימל.

דער פּילקאַלידיקער טעפּיך פון דער חנעוודיקער ווילנער לאַנדשאַפט האָט מיט שפע אַרויסגעשלאָגן פון זיך געדיכטן גרינס, ז.ך צעשימערט מיט אַלע בונטע פאַרבן פון ליכט און בלומען און געדושעט מיט שאַרפע, טשאַדנדיקע ריחות פון פאַרזייטע פעלדער און טיף־זומער. דער צאַרטער, לופטיקער טיול, וואָס האָט ווי א דינער, דורכזיכטיקער שלייער אַרומגעהילט דעם פאַרפייניקטן גוף פון דער שטאָט, האָט אומאויפהערלעך געציטערט פון די כסדרדיקע ביקסן־סאַלוון אין שיסערייען, און פון די פאַרשטיקטע קרעכצן און געשרייען פון די קרבנות... און געדוכט האָט זיך, אז עפּעס א ווילדער, לוסטיקער, אכזריותדיקער ליץ האָט עס אזוי גבירישע עשירותדיק אויסגעשטאַט די נאַטור, וואָס שטראָמט אויף צו־להכעיס מיט ימען ליכט אויף דער מיט בלוט אַדורכגעווייטיקטער ערד.

די זון האָט געלויכטן און דער שוחט האָט געשאָכטן...

אין משך פונם ערשטן האַלבן יאָר דייטשער אָקופּאַציע זענען אומגעקומען בערך צוויי דריטל פונם ווילנער יידישן קבוץ ד. ה. ביי א 40.000 יידן. צוזאַמען מיט זיי איז אויך אַוועק אין דער אייביקייט דער גרעסטער טייל פון דער גרופּע „פרייע שריפטן".

א. אייזען

ווען איך בין אָנהייב 1943 געקומען פון זאַטראָטשער לאָגער צום דריטן מאָל אין ווילנער געטאָ, כדי שוין צו בלייבן דאָרט ביז דער ליקווידאַציע, זענען שוין געהאַט אומגעקומען דר. וויטע לעווין און דער שריפטשטעלער גאָלדשמידט, וואָס זענען פאַרן טויט פאַרפייניקט געוואָרן אין די קעלערן פון דער געסטאַפּאָ; עס איז שוין נישט געווען ראובן ליכטשטיין מיט זיין פאַמיליע, וואָס איז נאָך תחילת — בעת דער כאַפּאָנעס־אַקציע — פאַרשלעפּט געוואָרן אויף פּאָנאַר; אַ צעבראָכענער, אַ צעווייטיקטער פון דער גרויסער פאָלקס־טראַגעדיע איז שוין געהאַט געשטאָרבן אין געטאָ דער פּעדאַגאָג און לערער גרשון פּלודערמאַכער; עס איז אומגעקומען אין בראַסלאַווער געטאָ דער יונגער פּאָעט חיים מוניץ; עס זענען פאַרשווונדן געוואָרן אויף אייביק אַ ריי אַנדערע, נישט איבערלאָזנדיק נאָך זיך קיין שום שפּור, ווי אַזוי און אויף וועלכן אופן זיי האָבן פאַרענדיקט זייער לעבן — — —

עס איז שוין אויך נישט געווען גרשון מאַלאַקעוויטש.

ווי איינגאַרטיק, לעגענדאַריש און אויסגעטיילט איז געווען דער טויט פון דעם דאָזיקן אַלטן רעוואָלוציאָנער. ווי וווּנדערלעך צוגעפּאַסט צו זיין וואַרעם האַרץ. אָט דער מענטש, וואָס האָט מיט זיין גאַנצער נשמה מיטגעפיבערט מיטן פּיין און ווייטיק פון אַנדערע; וואָס האָט זיין קראַנקן פון צאַרישע תפיסות אויסגעמאָרדעוועטן גוף געשטעלט אין רשות פון אַ גרויסער, הומאַניטאַרער אידיי: דינען דער געזעלשאַפט! — האָט אויך מיט זיין טויט געוואָלט נוצלעך זיין דעם מענטשן. בעת איינער פון די ערשטע דייטשע רייניקונגס־אַקציעס באַלד נאָכן איינפירן דעם געטאָ, איז ער געלאָפן איבער די שטובער, אַרויסגענומען פון דאָרט פאַרצווייפלטע, אויף טויט דערשראָקענע

יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט וואו זיך אויפֿצוראַמען, און זיי געפֿירט אויף באַהעלטעניש אין די מעלינעס, וועלכע ער האָט בכיוון אויסגעזוכט אויף דעם צוועק. דעמאָלט טאַקע — ווען ער האָט זיך מקריב געווען פֿאַר אַנדערע — האָבן אים די ס. ס.־לייט געכאַפּט און אַוועקגעטריבן קיין פּאָנאַר...

געטראָפֿן האָב איך דעמאָלט ציטווייליק ביים לעבן בלויז פֿיר מאַן פֿון די „פֿרייע שריפֿטן": פּייוול טראָופּיאַנסקי, בערנשטיין, פּרץ צונזער און קלויסנקי מיט זייערע פֿאַמיליעס, וואָס פֿלעגן זיך אָפֿטער טרעפֿן מיט נאָך אייניקע פּערזאָן מחוץ דער גרופּע, צווישן זיי — דער ראַדיקאַלער טוער איבידאַס מיט זיין פֿרוי און דער יונגער סאָציאַליסט ניעטשונסקי.

ווי ווייניק מיר זענען נישט געבליבן, האָבן מיר זיך צונויפֿגענומען, כדי דורך דער פֿריזמע פֿון אונדזער לעבנס־באַנעם צו באַטראַכטן די שוידערלעכע ווירקלעכקייט. ווי פֿיזיש צעבראָכן און פּסיכיש דערשיטערט מיר זענען נישט געווען, האָט דאָך דער אינעווייניקסטער עטישער אימפּעראַטיוו, וואָס וועגט און מעסט ביז דער לעצטער מינוט די אייגענע און פֿרעמדע מעשים אונדז געצוואונגען שטעלונג צו נעמען צו די גרויליקע פֿאַקטן פֿון דער געטאָ־סביבה, געטאָ־פֿירונג און אויך צו דער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע (פֿ. פּ. אָ.). צום טויט פֿאַרמשפּטע האָבן אויך נישט קיין רעכט הפקרדיק צו פֿאַרטאַכליעווען די געשענקטע מינוטן פֿון זייער זיין — האָבן מיר זיך געזאָגט. צום טויט פֿאַרמשפּטע זענען טאַקע אַן אָפּגעשלאָסענע, כמעט נישט ערדישע מחוץ־למחנה־וועלט; אָבער אין אָט דער אָפּגעשלאָסענער וועלט דאַרף און מוז הערשן ביז דער לעצטער רגע דער אייביקער געזעץ פֿון פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, פֿון רעספּעקט

פארן צווייטנס לעבן. אין פארקערטן פאל שטייען די קרבנות נישט קיין סך העכער פון זייערע מערדער!...

און ווי האט אויסגעזען די ווילנער געטא־ווירקלעכקייט אין משך פון איר צוויי־יאריקער עקזיסטענץ? אבער איידער מ׳ווער גייען איבער צו איר זאל געזאגט ווערן עטלעכע ווערטער וועגן דער פארגעטא־תקופה:

זי האט זיך אנגעהויבן דעם 24־טן יוני 1941, בעת די דייטשן זענען אריין אין שטאט, און זי האט זיך געענדיקט דעם 6־טן סעפטעמבער, ווען די יידן זענען אריינגעטריבן געווארן אין צוויי אפגעשלאסענע וווין־קווארטאלן. די דאזיקע תקופה איז גאר קנאפ געשילדערט געווארן דורך די לעבנגעבליבענע, און דווקא זי איז אין זין פון יידישער מארטיראלאגיע און קדוש־השם די סאמע וואגיקסטע. נישט בלויז דערפאר, ווייל דעמאלט איז אומגעקומען דער קערנדיקסטער, דער שעפערישסטער טייל פונם ווילנער קבוץ, נאר בעיקר דערפאר, ווייל אין איר האבן זיך אנטפלעקט די געזעלשאפטלעכע אחריות, דער כלל־טוערישער מסירת־נפש, אין זייער לייטערסטער פארם.

אין אט דעם קורצן צייט־אפשניט פון פארן געטא האבן די היטלעריסטן געפרוווט צעברעכן דעם מאראלישן חוט השדרה פונם ווילנער יידנטום. זיי האבן דעם שטאלצן, בארימטן ישוב אומגעריכט אריינגעכאפט אין זייערע משחיתדיקע קלעשטשעס און גענומען פון אים ארויסרייסן די צאפלדיקסטע, לעבעדיקסטע אברים זיינע. בעת דער כאפאנעס־אקציע האבן זיי פארשניטן 12.000 יונגע, געזונטע מענער: בעת דער פראוואקאציע פונם 31־7 — 10.000 פונם בליענדיקסטן, ברויזנדיקסטן יידישן קווארטאל. אין דער זעלבער צייט האט זיך די ווילנער פראווינץ געבאדן אין ימען בלוט. לאנדווארעווו, טראק, פאדב־

ראָדזש, ראָדזשישקי, אוראַני און נאָך אַ ריי ישובֿים זענען שוין געשטאַנען ביים ראַנד פון ענדגילטיקן אומקום.

דאָס אַלץ איז בכוח געווען פּסיכיש און מאָראַליש צו דערמשמעליען די מענטשן. דאָס טאַקע זענען אויך די דייטשן אויסן געווען. און דאָך איז דאָס זיי דאַן נישט געראָטן. עס איז זיי נישט געלונגען דערפאַר, ווייל בראש פונם צבור זענען געשטאַנען פּערזענלעכקייטן, ביי וועמען די טייערקייט פונם יידישן כבוד, די חשיבות פון יעדן לעבן איז געווען דער עיקר־העיקרים פון זייער קהלשער טעטיקייט. דער יידנראַט פון יענעם פּעריאָד, וואָס איז צווישן אַנדערע באַשטאַנען פון אַזעלכע מענער ווי דר׳ גרשוני, יעקבֿ ווינאָדסקי, פּנחס קאָן, פּרוי שאַבאַד, ס. טראָצקי, לאַנגבאָרט א. א. איז מוכן ומזומן געווען זיך מקריבֿ צו זיין פאַר יעדן נפש בישראל. זיי זענען גרייט געווען צו געבן די דייטשן אַלץ: גאָלד, פאַרמעגן, אַרבעטסהענט — אָבער נישט קיין יידישע לעפּ. דער אַלטער, העראָישער כלל־טוער דר. ווינאָדסקי איז אַ טויט־קראַנקער אַראָפּ פונם בעט און אַוועק צום רעפערענט פאַר יידישע ענינים מורער מיט אַ פּראָטעסט און בקשה צו לינדערן די גזירות אויף יידן. פאַר דעם אַ העזה איז ער נאָך אין דער זעלבער נאַכט אַוועקגענומען געוואָרן, אין געשטאַפּאָ און פאַרפּייניקט געוואָרן אויף טויט. די דריי קהלייט, וואָס האָבן געדאַרפט איבערגעבן אין געביט־קאָמיסאַריאַט בלויז אַ טייל פון דער געמאָנטער קאָנטריבוציע, האָבן זיך פריער מתוודה געווען און זיך געזעגנט מיט זייער לעבן. דער באַנקיר לאַנגבאָרט איז אין נאָמען פון יידנראַט אַליין געגאַנגען צונויפשטעלן די אַרבעטס־גרופּעס, וואָס די דייטשן האָבן געפאָדערט. צוזאַמען אָבער מיט דער קהלה האָט ער אויפן ענערגישסטן אופן געפאָדערט פון דער מאַכט אַ חש־

כון פון די, וואָס זענען נישט צוריקגעקומען פון דער ארבעט. נישט זייענדיק ביכולת קיין סך צו העלפן אין דעם גרויסן ים פון ליידן, האָבן זיי זיך מיט אַלע כוחות באַמיט וואָס מער יידן ארויסצושיקן אויף דער פּראָווינץ און זיי האַלטן וואָס הייטער פונם ווילנער גהינם.

אַן אַזעלכע זענען זיי געווען די יידישע פירער פון דער פאַרגעטאָ־תקופה: מוטיק און איבערגעגעבן די יידישע אינטע־רעסן מיט אַלע פעדעם פון זייער נשמה. און די פאַרפייניקטע, מאַלטרעטירטע מאַסע פון יענער צייט האָט טאַקע ארויסגע־שפּירט אין זיי זייער פאָלקס־פריינדשאַפט, ארויסגעשפּירט — און זיי געפאָלגט בלב ונפש. דערפאַר טאַקע האָבן די אָרעמסטע שבאָרעמסטע צווישן איר אַראָפּגענומען פון זיך דאָס לעצטע העמד און צושטייער געגעבן צו דער קאָנטריבוציע; און דער־פאַר האָבן זיי אָרגאַניזירטערהייט זיך צוגעשטעלט ווי אַן אַר־בעטס־קאָנטינגענט אויפן רוף פון זייערע קהלה־פאַרשטייער. זיי האָבן זיך צוגעשטעלט אפילו דעמאָלט, ווען די דייטשן האָבן מיאוס אָפּגענאַרט און טייל גרופּעס פאַרשיקט אויף פּאָנאַר. זיי האָבן זיך צוגעשטעלט דערפאַר, ווייל אין די מע־שים פון יענעם יידנראַט האָבן זיי בולט געזען די זאָרגעוודי־קע האַנט פון אמתע, זיך זעלבסט־אָפּפערנדיקע פאָלקס־פאַר־שטייער. און מהאי טעמא זענען די זעלבע יידישע פירער גע־ווען פאַר די דייטשן ווי אַ דאָרן אין אויג. נישט קענענדיק גייסטיק ברעכן אָט די ערלעכע, עקשנותדיקע מענער, האָבן זיי האַרט פאַרן איינפירן דעם געטאָ זיי פאַרנומען אויף לוקישקעס און ליקווידירט.

אָט אַזוי זענען אין סעפּטעמבער 1941 אריינגעשטופּט גע־וואָרן אין ביידע געטאָס העכער 40.000 צעבראָכענע, צעלאַ־

ליעטשעטע, דערשלאָגענע יידן. זיי זענען אַריינגעטריבן געוואָרן
אַהין ווי אַ שאָף, וואָס איז פֿריער אויסגעליידיקט געוואָרן פֿון איר
געזונטסטן, זאַפּטיקסטן יאָדער: דעם רוב פֿון דער יוגנט,
דעם צאַפּלדיקן פֿאָלקס־עלעמענט און דעם העראָישן כלל־טוע־
רישן קערן. דער נייער יידנראַט, וואָס איז מיטן הסכם פֿון די
דייטשן אַוועקגעשטעלט געוואָרן איבער די געטאָ־יידן — יעקב
גענס, אינזש. פֿריד, דעסלער, פּרוכט, מילקאָנאָוויצקי, זייד־
שנור א״א — איז אַלס גאַנצעס געווען הימלווייט פֿון די לע־
בעדיקע קדוש־השם־טראַדיציעס פֿון דער פֿריערדיקער אָנפֿי־
רערשאַפֿט. ער איז געווען טרוקן־ניכטער, עגאָיסטיש־אויסגע־
רעכנט און איז טאַקע גאָר גיך געוואָרן אַן הכנעהדיקער, בייי־
געוודיקער אינסטרומענט פֿון די היטלעריסטישע מושלים. ער
איז דאָס געוואָרן נאָך מער זינט דעם 12־טן יולי 1942, ווען
גענס איז דורך די דייטשן באַשטימט געוואָרן ווי אַן עלטסטער
איבער דער גאַנצער עדה.

אָבער לאָמיר גיין כסדר.

דער ערשטער נסיון

קאַפּיטל 4.

באַלד תחילת — נאָכן אַריינטרייבן די רעשט לעבנגעבליבענע יידן אין צוויי געטאָס — האָט די געסטאַפּאָ איבערגעגעבן דעם יידנראַט אַ געוויסן טייל פון די געלע שיינען (עטלעכע טויזנט), אַז ער זאָל זיי זעלבסטשטענדיק פאַרטיילן צווישן בעלי־מלאכות און אַרבעטנדיקע. די איבעריקע האָבן געדאַרפט קריגן ווייסע שיינען. די געלע שיינען זענען געוואָרן אָנגערופן „לעבנס־שיינען", די ווייסע — „טויט־שיינען".

פרעגט זיך: צי האָט דער יידנראַט געמעגט אָננעמען אויף צו פאַרטיילן די דאָזיקע לעבנס־שיינען און אַליין — בידים — פאַרמשפּטן די איבעריקע טויזנטער יידן צום טויט? שוין אָפּגערעדט פון דעם, אַז די געלע לעבנס־שיינען זענען סרוב פאַרטיילט געוואָרן לויטן איינזען, סימפּאַטיע און אַנטיפּאַטיע פון די רעדל־פירער; אַז זכות־אבות און איבערקויפעריי האָבן אָפּט געשפּילט אַן אַנטשיידנדיקע ראָל ביים קריגן אַזאַ פּאַפּירל! נאָר לאָמיר אַפילו אָננעמען, אַז באַקומען האָבן די, וואָס האָבן ווערליק די דייטשע פאַראָרדענונגען געדאַרפט באַקומען, — צי האָט די יידישע געטאָ־אָנפירערשאַפט פונם מאָראַלישן און פאָלקס־שטאַנדפּונקט געהאַט רעכט צו ווערן דער אויספירער פון דעם היטלעריסטישן ווילן און פּסקענען מי לחיים ומי למות?... ניין! — האָבן די מענטשן פון די „פרייע שריפטן"

געטענהט — זי האָט ניט געטאָרט און נישט געהאַט קײן רעכט!

ס'וואָלט אפשר עמעץ געקענט זאָגן: נו, יאָ... זי האָט עס טאַקע נישט געטאָרט טאָן. אָבער צי וואָלט דען בעסער געווען, ווען די דײַטשן אַלײן וואָלטן געווען די גאַנצע פּאַרטײַלער? צי וואָלט נישט נאָך ביטערער געווען די לאַגע? און בכלל, צי וואָלטן די דײַטשן אַזאַ מין אָפּזאָג נישט באַטראַכט ווי אַ פּאַ־סיוון ווידערשטאַנד? און צי וואָלטן די פאָלגן פון דעם נישט געווען צו שרעקלעך פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג?

אויף דעם קען זײַן בלויז אײן ענטפער: ווי שרעקלעך די קאָנסעקווענצן וואָלטן נישט געווען פאַרן ייִדישן קבוץ, האָט אַזאַ אָפּזאָג געמוזט געגעבן ווערן. אפילו ווען דער גאַנצער געטאָ וואָלט דורך דעם אָפּגעווישט געוואָרן! נישט דאָ איז דער פּלאַץ צו באַווײַזן, אַז די דײַטשן האָבן נאָך דעמאָלט נישט געטראַכט וועגן אַ באַלדיקער אויסראָטונג פונם גאַנצן קבוץ; אַז סײַ זײ סײַ די שטאָט האָבן זיך נאָך גענײטיקט אין די ייִדישע אַרבעטס־הענט. דער אמת איז נאָר אײנער: די געטאָ־טוער האָבן צוליב פּחדנות, מאָראַלישער טעמפּקייט און שוואַכן געפיל פון סאָלידאַריטעט עס יאָ געטאָן! דורך אָט דעם פאַרברעכערישן אָנהײב זײערן — דורכן ניט אויסהאַלטן דעם ערשטן נסיון — האָבן זײ געבראָכן די גײַסטיקע האַלטונג פון דער הילפלאָזער פאָלקסמאַסע. די טויזנטער ייִדן, וואָס האָבן נישט געקראָגן די געלע לעבנס־שײַנען, זענען געגאַנגען צום טויט מיט טאָפּעלער ביטערניש און האַס: קעגן די דײַטשע מערדער און קעגן די אײגענע דעמאָראַליזירטע ברידער!

אין יאָר 1942 האָט דער געטאָ אַביסל אָפּגעאָטעמט. די מאַסאַיווע אויס־ראָטונגס־אַקציעס האָבן אויפגעהערט און ס'איז

אַריינגעטראָטן אַ רו־הפסקה. די ווילנער יידן האָבן זיך אַריינגעוואָרפן אין אָט דער אַרבעט און טואונגען, וואָס זענען נאָך דער מלחמה געשילדערט געוואָרן דורך אייניקע לעבן־געבליבענע, און שפּעטער — דורך דער וועלט — אויפגענומען געוואָרן ווי סימני־יצירה פון אַן עדה, וואָס שוועבט צווישן לעבן און טויט. און ווירקלעך! עס איז אויפגעקומען אַ פאַרצווייגטע קולטור־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז באַשטאַנען פון שולן, קינדערהיימען, גימנאַזיע, יוגנט־קלוב, מוזיק, מאָלעריי־אויסשטעלונגען, ליטעראַרישע און וויסנשאַפטלעכע קרייזן און רעפעראַטן; עס האָט פונקציאָנירט אַ גוטער היגיענישער און מעדיצינישער אַפּאַראַט; ס'זענען אַנטשטאַנען עטלעכע אינסטיטוציעס פון סאָציאַלן נוצן און פאַרזאָרגונג; וואַרשטאַטן און מאַשינען האָבן צוגעשטעלט אַ ריי אויסאַרבעטונגען סיי פאַרן אינעווייניקסטן געברויך סיי פאַר אויסן; גרופּעס יידן האָבן אַריינגעשמוגלט פּראָדוקטן פאַר דער באַפעלקערונג (די קוויבענקערערס א א.)

כאַראַקטעריסטיש אָבער פאַרן ווילנער געטאָ איז אין גאַנצן עפּעס אַנדערש. עס איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז לעבעדיקע מענטשן — ווי פאַרחושכט זיי זאָלן נישט זיין — וואָס געפינען זיך לאַנגע, לאַנגע חדשים צווישן אייגענע פיר ווענט, זאָלן לערנען די קינדער, שאַפן צדקה־אַנשטאַלטן און זאָרגן וועגן אייגענעם געזונט. בפרט נאָך, אַז אָט די אַרבעט איז אַנגעגאַנגען מיט דער אילוזיע און האָפענונג — וואָס זענען בכיוון דורך אַ ריי לייכטזיניקע און פאַלש אָריענטירטע לייט, און טיילווייז דורך דייטשן אַגענטן אונטערגעהאַלטן געוואָרן. — „אַז מער רייניקן וועט מען שוין נישט"... „אַז דער יידישער געטאָ־פאָרשטייער גענס איז זייער אַן אָנגענומענע פּערזאָן

ביי דער דייטשער מאַכט..." אַז דער ווילנער געטאָ ווערט אַזש אין בערלין באַטראַכט ווי אַ מוסטערהאַפטער געטאָ..." „אַז בכלל איז ווילנער געטאָ פאַררעכנט ווי אַן ארבעטס־לאַגער, און אַרבעטס־לאַגערן וועלן עקזיסטירן ביזן סוף קריג און אפילו נאָכן קריג..."

וואָס עס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן ווילנער געטאָ — פונקט ווי פאַר אַ ריי אַנדערע געטאָס אין פוילן און אין ליטע — ,יאָס איז דער גאַנצער פאָליצייישער רעזשים פון גענס מיט זיינע משרתים, וואָס האָט געשטיקט און געדריקט דעם אָרעמען געטאָ־ייד און אים געהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט אין שרעק און מורא; דאָס איז דאָס אַרעסט־הויז אויף לידזקעגעסל, וווּ גענס האָט אויף אייגענעם און דייטשישן באַפעל געהאַלטן און אַרויסגעגעבן יידן דער געסטאַפּאָ צום טויט; דאָס איז אַ טייל פון דער יידישער פאָליציי, וואָס האָט געשלאָגן און געהרגעט מכות רצח פאַר אַריינטראָגן בגניבה אַ ביסל עסנוואַרג אין געטאָ, וואָס האָט אויפן באַפעל פון דייטשן קאָמיסאַר מורער געשמיסן און געקאַטעוועט יידישע מענער און פרויען אַיבערן נאַקעטן לייב; דאָס איז די זעלבע פאָליציי, וואָס האָט בעת אַקציעס געהאָלפן די דייטשן אויפדעקן מעלינעס און אַרויסנעמען די באַהאַלטענע יידן, וואָס האָט אויף דער ווילנער פּראַווינץ געהאָלפן מאַכן סעלעקציעס און ווי יאַגד־הינט נאָכגעשפּירט יעדן איינעם, וואָס האָט געוואַגט אַרויסצוזאָגן אַ ווידערשפּעניק וואָרט; דאָס איז די גרויסע סתירה אינם מאַטעריעלן לעבן פון די געטאָ־מענטשן, ווען אַ קליינער טייל האָט געפרעסן און געזויפט, געשכורט און געהוליעט, שפּעקולירט און געוויילט זיך, געהאַט די בעסטע און באַקוועמסטע וווינונגען, בעת דער גרעסטער רוב פון דער באַפעלקערונג האָט גע־

דאַרט און געקוואַרט, געהונגערט און געשטיקט זיך אין צען און פופצן־פערזאָניקע צימערן; דאָס זענען די אַרבעטס־בריגאַדעס, ווו אַ טייל יידישע בריגאַדירן האָבן ווי די שוטרים אין מצרים געיאָגט און געטריבן צו דער אַרבעט און געהאָלפן אויסזייגן דעם לעצטן מאַרך פון די אויסגעמאַטערטע, פון די פיס פאַלנדיקע אַרבעטער; דאָס איז דער געדיכטער חושך פון שרעק און ציטערניש פאַרן בליק און טראָט פון יידישן סאַטראַפ און פּאָליציי־אַגענט, וואָס איז נישט קלענער געווען פונם פּחד פאַרן דייטשן הענקער; דאָס זענען די פּאַנעגיריקס און ליבלידער, וואָס זענען נישט געקוקט אויף דער שוידערלעכער לאַגע געזונגען געוואָרן דורך אומפאַראַנטוואָרטלעכע גענס־אַנהענגער „לכבוד דעם שטאַרקן מאַן, וואָס וועט אונדז אַרויס־פירן פונם לאַנד געטאָ"; דאָס איז די צייטונג „געטאָ־ידיעות". וואָס האָט אין יעדן נומער גערופן צו געהאָרכזאַמקייט, אויס־צופירן גענס באַפעלן און אַרויסגעבן פון זיך דעם מאַקסימום אַרבעט אין די בריגאַדעס; — דאָס איז צום סוף אַ געוויסער טייל פון יידישע קולטור־טוער, וואָס האָבן געשטיצט דעם גענס־רעזשים און מיט וואָרט און טאַט אונטערגעהאַלטן זיין פּרעסטיזש!...

ווי אַ בולטע כאַראַקטעריסטיק פון דעם גאַנצן גענס־סיס־טעם קען דינען די ווייטערדיקע מעלדונג, וואָס איז דעם 6־טן דעצעמבער 1942 אויסגעקלעפּט געוואָרן און אַלע געסלעך פונם ווילנער געטאָ און גלייכצייטיק פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער צייטונג „געטאָ־ידיעות":

*) מעלדונג נום. 87.

פון געטאָ־פאָרשטייער און פּאָליציי־שעף

פון 3־טן דעצעמבער 1942:

*) די אויטענטישע עקזעמפּלאַרן געפינען זיך אין ווילנער יידישן מוזיי — און אין אַמעריקאַנער ייוואָ.

אלע יידן זענען מחויב צו באגריסן די דייטשע מאכט־פאר־שטייער (פון געביטס־קאמיסאריאט, זיכערהייטס־פאליציי און ס. ד. ווי אויך שוץ־פאליציי), וואס ווערן באגעגנט אינערלעך פון געטא אוןביים טויער.

די באגריסונג דריקט זיך אויס אין אראפנעמען דאס היטל און פארנויגן זיך.

אויסערן געטא איז די פארארדענונג חל נאר אין דעם פאל, ווען א פארטרעטער פון די אויבנדערמאנטע דייטשע אדמיניסטראטיווע אמטן שטעלט אפ דעם ייד אין גאס.

געטא־פארשטייער און פאליציי־שעף
גענס

ווערליק די מאטעריאלן, וואס געפינען זיך איצט אין ווילנער יידישן מוזיי האט גענס די א מעלדונג ארויסגעגעבן אויפן סמך פון א צוגעשיקטן צירקולאר פונם דייטשן גע־ביטס־קאמיסאריאט. כאראקטעריסטיש אבער פאר זיין ממשלה איז, וואס ער האט אין זיין מעלדונג אפילו נישט געפינען פאר נייטיק זיך צו פאררופן אויף דער דייטשער פארארדענונג. זיין גאנצער רעזשים איז דאך אויסן געווען שקלאפיש צו געשטאל־כן דעם גוף און די נשמה פון דער באפעלקערונג, האט אים ממילא להלוטין נישט געארט, וואס עס באקומט זיך דער רושם, אז דאס דיקטירט ער אליין דער יידישער עדה א הכנעה־דיקע, דערנידעריקנדיקע באגריסונגס־פראצעדור לגבי די דייטשן.

אָט דאָס אַלץ איז בלויז אַ קליינע רשימה פון די טענות, וואָס די מענטשן פון די „פרייע שריפטן" — און אויך פיל, פיל אַנדערע — האָבן אַרויסגערוקט קעגן דער געטאָ־ווירקלעכ־קייט. ווי מיר וועלן ווייטער זען האָט זיך דאָס מעסטל מיט דעם נאָך לגמרי נישט אויסגעשעפּט.

זקנים

קאַפּיטל 5.

וגגד זקניו כבוד
(פּרקי אבות)

אין מיטן זומער 1942 איז פּאַרגעקומען אַ שווידערלעכע געשעעניש, וואָס שטייגט אַריבער מיט דער גרייס פונם פאַרברעכן אַלע גרוילן, וואָס יידישע דעגענעראַטן זענען באַגאַנגען אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע.

אויפן באַפעל פון דער געסטאַפּאָ און געביטס־קאָמיסאַריאַט האָט געגנם אַרויסגענומען קנאַפּע הונדערט זקנים פון געטאָ און אונטער דער שמירה פון יידישער פּאָליציי זיי אַוועקגעשיקט קיין פּאָספּיעשקי (אַ קוראָרט הינטער ווילנע), ווו מ׳האָט זיי געשטאָפּט און געפּיטערט עטלעכע טעג. שפּעטער האָבן זיי די דייטשן איבערגענומען און דערשאָסן אויף פּאָנאַר.

אָנהייב 1943 האָב איך מיט אַראָנטשיק בערנשטיין דערזען אַזאַ סצענע: פון דער באָד אויף סטראַשון־גאַס זענען אין מיטן טאָג אַרויס ביי אַ 7־8 אַלטע יידן און ווי אין עפּעס אַן אויפטרייסלענדיק־פייערלעכער פּראָצעסיע — אונטער דער וואַך פון אַ פּאָר פּאָליציי־לייט — זיך געלאָזט גיין איבערן שאָסיי אייגער נאָכן צווייטן. אויף די זילבער ווייסע בערד און ברעמען האָבן נאָך אָפּגעשימערט די וואַסער־טראָפּנס פון דער טבילה, וואָס זיי האָבן נישט באַוויזן אָפּצווישן. זיי זענען געגאַנגען פאַרדבקהט, פאַרטאָן אין זיך, מיט די אויגן פאַרקוקט

אין דער וויט. פוןביידע זייטן טראָטואַר זענען געשטאַנען מענטשן און ווי פאַרשעמט אוועקגעבויגן די קעפּ.

— דאָס זענען עטלעכע פון גענם אויסקויף־קעפּ, אויב די דייטשן וועלן ווידער פאָדערן... — האָט מען זיך געשושקעט.

טיף דערשיטערטע זענען מיר עטלעכע מינוט געשטאַנען און נישט געקענט קומען צו זיך. וואָס האָבן געטראַכט די דאָזיקע אומגליקלעכע זקנים, בעת זייערע אויגן זענען געווען אַזוי נישט־דאָאיק פאַרקוקט אין דער וויט? ווייסן זיי, וואָס זיי דערוואַרט און טיף אין האַרצן שעמען זיי זיך צוליב דער געפאַלנקייט פון זייערע ברידער? אָדער אפשר ווייסן זיי גאָרנישט און דעמאָלט איז דאָך די זינד נאָך גרעסער, נאָך שווערלעכער?

צעווייטיקטע זענען מיר אַריין צו אונדזערע פריינד. מיר האָבן געפּרוווט אָנמאַכן אַ רעש ביי עטלעכע קולטור־טוער און שרייבער.

— פאַרוואָס שווייגט דער שרייבער־פאַריין? פאַרוואָס שווייגט ק.?

— ק. האַלט, אַז כדי צו ראַטעווען טויזנט יידן קענען אַנדערע אַרויסגעגעבן ווערן...

— מירע בערנשטיין! — האָבן מיר געטענהט — פאַרוואָס שווייגט די לערערשאַפט?

— מיר זענען לגבי גענסן פּונקט אַזוי אוממעכטיק און הילפלאָז, ווי אונדזערע קינדער, וועלכע מיר לערנען... ער איז דאָ קיסר און די יידישע פּאָליציי איז זיין מיליטער.

— זאָגט זיך אָפּ פון גענס פּאַיאָקן! — האָבן מיר געשריען צו אַנדערע — בעת אַ האַלבער געטאָ הונגערט, טיילט ער איין פּאָר אַ קליין הייפל פּירווילעגירטע גאַנצע, האַלבע און

פּערטל פּאַיאָקן. פון וואָס שטעלט ער צונויף די פּאַיאָקן? פון דעם אָרעמען ביין רייסט ער אָפּ, וואָס די דייטשן וואַרפן צו דער יידישער באַפעלקערונג. געבנדיק אייך די פּאַיאָקן, קויפט ער אייך! נעמענדיק זיי ביי אים — פאַרקויפט איר זיך!...

גרויס איז געווען דער ווייטיק און נאָך גרעסער די בושה. ס'איז קלאָר געוואָרן פאַר אונדז, אז אַ גרויסער טייל איז פּשוט נישט בכוח זיך צו באַפרייען פון אָט דער נעץ, און וועלכער דער געטאָ-רעזשים האָט זיי פאַרוויקלט. בפרט נאָך, אַז זיי לעבן מיט דער אילוזיע, דאָס נאָר מיט דעם וועג וועט מען קענען ראַטעווען דעם געטאָ. אַ צווייטער טייל ווייטער איז אַזוי פיזיש און פסיכיש צעבראָכן, אַזוי אַנטוישט און פאַריאושט פון די אומאויפהערלעכע בלוטיקע קלעפּ, אַז זיי זענען פּשוט נים מסוגל צו קיין שום גייסטיק-אַקטיוון ווידערשטאַנד. זיי האָבן לעבנדיק נאָך שוין רעזיגנירט פונם לעבן. איינגעשלאָסן אין זיך, מיטן עכאָ פונם אַמאָליקן גלאַנץ אין האַרצן, טוען זיי אין התבודדות זייער אַרבעט און גרייטן זיך שטיל אַריינצוגיין אינם נישט זיין... וואָס שייך דער פאָלקס-מאַסע גייט זי — אַ פאַרלוירענע, אַ נישט אָריענטירטע — מיט אינם אַלגעמיינעם געשפּאַן. זי איז פול מיט ענערגיע און וואַרט, אַז מען זאָל איר ווייזן דעם ריכטיקן וועג. זי איז גרייט צו שטאַרבן, פּונקט ווי זי איז גרייט צו לעבן. אָבער נאָר דעמאָלט ווען סיי דאָס לעבן סיי דער טויט זאָלן גיין אונטערן צייכן פון געטריישאַפט צו איר, פון מיטגעפיל צו אירע נויטן און ליידן

פון דעם אַלעמען האָט זיך פאַר אונדז בילעכווייז גענומען אויסשיילן אַן אמת. יואָס איז מסתם דער אמת פאַר אַ ריי אַנדערע געטאָס — דאָס איז דער אמת פון „עבירה גוררת עבירה". וואָלט די געטאָ-אָנפירערשאַפט פעיק געווען צו

זעלבסטאָפּפּערונג און — ווי דער פריערדיקער ייִדנראַט — באַלד פון סאַמע בראשית זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז קיין איין ייִד טאָר דורך ייִדן נישט אַרויסגעגעבן ווערן די דייטשן; וואָלט זי זיך געוועזן אָפּגעגעבן בלויז מיט אינערוויי־ניקסטער פאָלקס־טעטיקייט און איר מיטאַרבעט מיט די דייטשן געווען באַשרענקט אויף צוצושטעלן אַרבעטס־הענט, שטייערן, וכדומה — דעמאָלט וואָלט די מאָראַלישע און גייס־טיקע האַלטונג פונם געטאָ־יִבוץ, זיין זעלבסטגעפיל, זיין אי־נערלעכער טראָץ, געווען אָן אָן ערך צעמענטירטער און וויר־דיקער. קוים איז מען אָבער אַוועק אויפן וועג פון מיטאַרבע־טן מיט די דייטשן בכל אופנים — פון מענטשן־האַנדל, פון אַרויסגעבן „קעפּ”, פון בעסערע און ערגערע נשמות — איז הגם די כוונה איז געווען אָפּצוראַטעווען; כאָטש אַ טייל פון אומקום, האָט עס אָבער געמוזט צוברענגען צו אַ פּאַנאַנדער־פאַל, צו אַ טיפער אַנטוישונג און צו אַן אָפּגעשוואַכטן סאָ־לידאַריטעטס־געפיל.

און דערפאַר האָט עס געקענט דערגיין צו דעם, אַז די עלטס־טע פון פאָלק — די שוואַכע און הילפלאָזע זקנים — זאָלן ווערן אויסלייז־קעפּ. און דערפאַר האָט עס געקענט אויפקומען די גענס־טעאָריע, אַז נאָר די יוגנט — די אַרבעטס־הענט — קע־נען אָפּראַטעווען דעם געטאָ, און די אַלטע, די אָפּגעלעבטע, מוזן זיך מקריב זיין פאַר די יונגע. ער האָט זיין שענדלעכע טעאָריע געפּרווט פאַרזיסן מיט דעם פאַלשן אָדער אויפריכטיקן זאָג, אַז קיין איין קינד וועט ער דערפאַר פון געטאָ נישט אַרויסגעבן! אַז די קינדער — די צוקונפט פון פאָלק — זענען אונטער זיין שטאַרקן פאַנצער! אַז פאַר זיי וועט ער זיין לעבן איינשטעלן! אין זיין טעמפּ אויסגעמושטירטן מח — ער איז פאַר דער

מלחמה געווען אַן אָפיצער אין דער ליטווישער ארמיי — איז אָבער נישט אויפגעקומען דער געדאַנק, אַז אַ יונגנט וואָס וועט לעבן בלייבן נישט אויפן אייגענעם חשבון, נאָר אויפן חשבון פון די אַלטע לייט, קען שוין מער קיין גואל הדם נישט זיין. זי וועט זיין געשטאָרבן פאַרן פאַלי, הגם זי וועט לעבן! זי וועט זיין געשטאָרבן אַפילו פאַר זיך אַליין! ווייל אין איר קערפּער וועט רינען און מאָנען דאָס אומגעבראַכטע בלוט! עס וועט אין איר רינען דאָס בלוט פון די אַרויסגעגעבענע ייִדעס, וואָס וועט קאָכן און זידן און פאַרסמען איר הארץ און נשמה!...

עטישע פּראָבלעמען

קאַפּיטל 6

„... האָט אליהו הנביא געזאָגט צו ר׳ יהושע בן לוי: בעסער זאָלן אַלע אומקומען, איידער יידן זאָלן אַליין איבערגעבן זייערן אַ ברודער אין גויאישע הענט.״ (תרומות ה׳)

דאָס וואָס געוויסע מענטשן פון דער יידישער אינטעליגענץ אין ווילנע האָבן געהאַלטן, אַז כדי צו ראַטעווען דעם קבוץ אַלס גאַנצן קענען און מעגן אַ טייל יידן אַרויסגעגעבן ווערן — אויף דעם דאַרף מען זיך באַזונדערס אָפּשטעלן. שוין צוליב דעם, וואָס אַזאַ צוגאַנג איז געווען צו באַמערקן אויך אין אַ ריי אַנדערע געטאָס; און אוודאי צוליב דעם, וואָס געהאַלטן האָבן פון אים אויך מענטשן, וועמענס איבערגעגעבנהייט צו די יידישע פאָלקס־אינטערעסן און קולטור איז געווען אויסער יעדן ספק.

בפרט נאָך מוז מען זיך אויף אים אָפּשטעלן, ווייל ס׳האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די זקנים־אַקציע איז בשום־אופן נישט קיין איינמאָליקער, אָפּגעזונדערטער פאַל; אַז דאָס איז נישט מער ווי איין רינג פון דער קייט, וואָס דער יידן־עלטסטער האָט פאַרלייגט אויפן האַלדז פון די שוואַכסטע און הילפלאָזסטע אין געטאָ. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז גענס סיסטעם פון אויסלייז־קעפּ מיינט נישט בלויז אַלטע אָנשטאָט יונגע, נאָר אויך קראַנקע אָנשטאָט געזונטע. אין זיינע מאַניאַקישע פּרוּוון צו מאַכן פונם ווילנער געטאָ אַן אַרבעטס־לאַגער פון געזונטע מענטשן איז ער דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט מיט אַ גרינג האַרץ און גאוהדיקן זעלבסטבאַוווסטזיין פון צייט צו צייט אַרויסגענומען פון יידישן שפּיטאָל האָפענונגסלאָזע,

נוטה־למותדיקע לייט און מיט זיי פארביטן געוויסע צום טויט פארמשפטע יידן. באזונדערס עקשנותדיק האט זיך דעמאלט פארשפרייט דער קלאנג, אז געגנם האט זיך געווארפן שלאגן דעם מיטארבעטער פון שפיטאל דר' שעדלעץ, ווייל ער האט זיך אפגעזאגט אים ארויסצוגעבן אכט חולאים.

די א ווייטיקדיקע ענינים האבן מיר אלע צוזאמען מיטן אויבנדערמאנטן איבידאם און דר. ליבער, (געוו. דירעקטאר פון דער העברעישער גימנאזיע) היים באהאנדלט צווישן זיך. מיר האבן געפרווט זיך דערשלאגן צו די ווארצלען פון דעם קוק אויף אויסלייז־קעפ. מיר האבן געפרווט צונויפזאמלען אלע ארגומענטן פון זיינע אנהענגער און זיך דערגרונטעווען צו די מאמע דינסטע מאטיוון זיינע נישט בלויז כדי צו קענען אקעגנ־ווירקן, נאר אויך כדי... צו קענען אין אונדזערע הערצער איינ־האלטן כאטש א מינימום רעספעקט פאר די טרעגער פון אט דער אומגעהייער שעדלעכער איינשטעלונג. ווייל דער א צו־גאנג זייערער האט אזוי סותר געווען אונדזערע אלע געפילן און באגריפן פון פאלקס־סאלידאריטעט. און טייערקייט פון יע־דער מענטשלעך לעבן, אז מיר האבן מורא געקראגן, דאס אלע בריקן צווישן אונדז און זיי וועלן ווערן איינגעלייגט.

ובכן. די דאזיקע מענטשן האבן געהאלטן פון אויסקויפ־קעפ צוליב די ווייטערדיקע טעמים:

1.— אין אזא נרויסן פאלקס־אומגליק קען מען נישט אנווענדן די געוויינלעכע מאס פון חשיבות פון יעדן איינצלנעם לעבן. דער יחיד מוז ווערן אונטערגעווארפן די עקזיסטענץ־נויט־ווענדיקייטן פונעם כלל;

2.— די דייטשן וועלן אפשר נישט באווייזן צו פארניכטן

דעם גאַנצן געטאָ. דורכן ארויסגעבן די געפאָדערטע צאָל קעפּ וועט מען אפשר אָפּראַטעווען די איבעריקע;

3.— די סכנה פון אומקום באַדראָט דאָס גאַנצע פאָלק. כדי אָפּצוראַטעווען דאָס יידישע פאָלק פון אונטערגאַנג, מוז א טייל זיינער זיך מקריב זיין;

4.— די דאָזיקע יחידים, וואָס ווערן געאָפּפּערט, וואָלטן סיי ווי אומגעקומען מיטן גאַנצן פאָלק, אויב מען וועט זיך האַלטן ביים פּרינציפּ פון נישט ארויסגעבן.

5.— עס ווערן בעיקר ארויסגעגעבן זקנים, נוטה למות־דיקע, און פּסיכיש שוואַכע. ד. ה. אַזעלכע, וואָס אפילו אין רו־איקע צייטן איז זייער גייסטיקע וואָג פאַרן וויטערדיקן פאָלקס־לעבן ס׳רוב אַן אומבאַדייטנדיקע;

6.— זיי דאַרפן דערפאַר באַטראַכט ווערן נישט ווי צוואַנגס־אָפּפּער, נאָר ווי קדוש־השם־קרבנות אויף דער עקדה פונעם קיום־האומה;

7.— דאָס ארויסגעבן איז בכן אין תוך אריין א מין אָפּ־ווענד־מיטל קעגן די דייטשן, וואָס באַגערן אין דער אמתן אונ־דזער אָפּזאָג, כדי אונדז אומצוברענגען ווי א פיזישע און גייס־טיקע געמיינשאַפט;

8.— דאָס אָפּראַטעווען א טייל פונעם פאָלק, וועט אייגנט־לעך דורך דעם זיין א טיילווייז אָפּגעהאַלטענער ניצחון איבער דער היטלעריסטישער בעסטיע.

כ׳וועל דאָ פּונקט נאָך פּונקט — קעגן די אַלע אויבן אויס־גערעכנטע מאָטיוון — ברענגען די קאָנטער־ארגומענטאַציע און אויספירן, וועלכע מיר האָבן אין יענע טראַגישע טעג ארויס־געבראַכט:

1.— די חשיבות פון יעדער איינצעלן לעבן איז דער

גרונט־פּרינציפּ און אבן הפּנה פון דער עטישער און גייסטי־קער קולטור פון דער מענטשהייט. אַן אמת עטישע קערפּער־שאַפט קען אנטשטיין נאָר אויפן יסוד פון אַבסאָלוטן און איי־ביקן ווערט פון דעם אַ פּרינציפּ, און קיין שום אָביעקטיווע נויטווענדיקייטן זענען נישט בכוח אים צו דערשיטערן. אַ פאָלק איז אייגנטלעך אַ היסטאָריש אויסגעפורעמטע עטישע געמיינשאַפט, וועמענס סאַמע הייליקסטע אויפגאַבע איז אָפּ־צוהיטן דעם דאָזיקן פּרינציפּ אין אַלע אומשטענדן, און דווקא אין די קאַטאַסטראָפאַלסטע. טוט עס דאָס נישט, צעשטערט עס דעם יסוד פונעם אייגענעם קיום, צעפאַלט עס זיך אין מאָ־ראַלישן זין;

2.— מחמת דעם קענען קיין שום געפאָדערטע קעפּ נישט אַרויסגעגעבן ווערן. די אַ קעפּ זענען, וואָס שייך זייער אייגן לעבן, אַזוי אַבסאָלוט אויטאָנאָם, אַז קיין שום קבוע, קיין שום געטאָ, האָט נישט איבער זיי וואָס צו זאָגן. דער מאָ־מענט, ווען „מען נעמט זיי אַרויסגעבן", איז געגנוי דער מאָמענט, ווען די עטישע געמיינשאַפט צעפאַלט זיך. סיי די אַרויסגעבער סיי די אַרויסגעגעבענע הערן אויף צו זיין טיילן פון איין פאָלק;

3.— דורך אַרויסגעבן די געפאָדערטע צאָל קעפּ וועט מען אפשר די אנדערע אָפּראַטעווען ווי אַ פיזישן באַשטאַנד־טייל פונעם פאָלק, אָבער נישט ווי אַן עטיש גייסטיקן. די אָפּ־געראַטעוועטע וועלן פּונקט ווי די אַרויסגעגעבענע זיין סיי ווי פאַרלוירן פאַרן פאָלק. ווייל זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן דורכן ברעכן דעם מאָראַלישן הויפּט־פּרינציפּ פונעם פאָלקס באַרעכטיקטן קיום;

4.— האַלטנדיק זיך ביים פּרינציפּ פון „נישט אַרויס־

געבן", וועלן אפשר די געפּאַדערטע קעפּ סיי ווי פּיזיש אומקו־מען און — צוזאַמען מיט זיי — דער גאַנצער געטאָ. אָבער אין דעם באַשטייט טאַקע די בשותפותדיקייט פון אַ פאָלקס־גורל: צוזאַמען אָפּהיטן דעם אַ גרויסן עטישן פּרינציפּ, אָדער צוזאַמען שטאַרבן פאַר אים;

5.— דער פאַקט, וואָס די אַרויסגעגעבענע זענען ס'רוב אַלטע לייט, קראַנקע און שוואַכע, מינערט לחלוטין נישט די גרויס פונעם פאַרברעכן. ער מינערט זי נישט צוליב די פאָל־גנדיקע צוויי סיבות: א) דער מאָראַלישער פּרינציפּ — די חשיבות פון יעדעם מענטשלעך לעבן — אונטערשטרייכט די הייליקע אומבאַרירלעכקייט פון יעדעם לעבן אַלס אַזעלכעס, אומאָפּהענגיק פון זיין גייסטיקער אָדער ביאָלאָגישער קוואַ־ליטעט; ב) אין די עטישע יסודות פון אַ פאָלקס־געמיינשאַפט שטעקט גיכער די באַדערפעניש צו קוואַליפיצירן אירע מיט־גלידער לויט זייער מאָראַלישן ווערט, איידער לויט זייער פּי־זיש־ביאָלאָגישן. מהאי טעמא פאַרדינען די פיזיש־שוואַכע אָבער מאָראַליש ווערטפולע אידיווידן פונקט דעם זעלבן שוץ ווי די געזונטע און יונגע. אדרבה, די איידעלע גרויסמוטיקייט פון אַ העכערער קולטור־געזעלשאַפט איז מחייב צו געבן מער שוץ דעם נויטבאַדערפיק שוואַכערן איידער דעם שטאַרקערן;

6.— די אַרויסגעגעבענע קעפּ וועלן בשום אופן נישט קענען באַטראַכט ווערן ווי קדוש־השם־קרבנות פאַרן קיום־האומה. קדוש־השם דאָס איז אַ סוביעקטיווע, וואָלונטאַרישע דיספּאָזיציע פון אַ מענטשן. די בגוואַלט אַרויסגעגעבענע אָבער זענען צוואַנג־קרבנות פונעם כלל, פון וועלכן זיי שטאַ־מען;

7.— דאָס אַרויסגעבן איז בכן אין תוך אַריין נישט

קיין אָפּוועגד־מיטל קעגן היטלעריזם פאַרן פאָלקס־קיום — ווי די אַרויסגעבער ווילן מיינען — נאָר אַ פּשרה מיט אים לטו־בת דער פיזישער רעטונג פון מענטשן, וואָס װעלן עטיש־גייס־טיק סיי ווי זיין פאַרלוירן פאַר דער געמיינשאַפט;

8.— דאָס אָפּראַטעוועו — דורכן אַרויסגעבן קעפּ — אַ טייל פונעם פאָלק וועט דערפאַר זיין נישט קיין נצחון אי־בער דער היטלעריסטישער בעסטיע, נאָר אַ מאָראַלישע זעלבסט־פאַרניכטונג.

שטאַרקער אָבער פון יעדער געפיל און שכל הישר איז געווען די גייסטיקע בלינדקייט און פאָלקס־פרעמדער צוגאַנג פונעם רוב יידנראַטן אין די געטאָס. — און מחמת דעם, וואָס דער שפּיץ פונעם ווילנער געטאָ — דער פאָרשטייער גענס און זיינע מקורבים — איז מאָראַליש און גייסטיק נישט גע־ווען דערוואַקסן צו זיין ראָליע, האָט זיך די מאַסע אונטן געפילט פאַרלוירן און דעזאָריענטירט אין אַ ריי פראַגעס פון גוטס און שלעכטס. דער מוטנער שטראָם פון אָפּנאַרעריי און פאַלשע האָפענונגען, וואָס האָט זיך כסדר געגאָסן פון אויבן, האָט געהאָלפן נאָך מערער פאַרטשאַדן די מוחות און אָפּטעמפּן דעם חוש פאַר סאָלידאַריטעט. צום גליק האָט ער פאַרטשאַדעט די מוחות בלויז פון אַ קליינעם טייל שוואַכע מענטשן. די מער־הייט אָבער פונעם פאָלק האָט געזען וווהין דער אַ שעדלעכער וועג פירט... געזען — און געזוכט דעם פּאַסיקן אויסדרוק פאַר אָט די לעצטע מינוטן פון איר לעבן.

די פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעם

קאַפּיטל ד

די פּראָבלעם פון עטישן אויפפיר פון יחיד און כלל אין געטאָ בינדט זיך מיט אַ צווייטער זייער וויכטיקער שאלה — די שאלה פון פסיכישער מעגלעכקייט אָדער אוממעגלעכקייט אין אומנאַטירלעכע, אוממענטשלעכע באַדינגונגען איינצו־האַלטן די זעלישע גלייכוואָג און אָפּצוהיטן די פליכטן פון סאָ־לידאַריטעט און אַכטונג צום צווייטנס לעבן. ווייל מען וואָלט מיט רעכט געקענט פרעגן: אונדזער פאָלק האָט דאָך שטענ־דיק געשמט און איז הויך געשעצט געוואָרן פאַר דעם גרויסן גראַד פון מיטגעפיל לגבי זיינע ליידנדיקע קינדער. איז אויב אַזוי, אויב אין אַזאַ שווערער תקופה האָבן געוויסע גרופּעס און באַדייטנדיקע, איינפלוסרייכע יחידים געהאַנדלט פאַרקערט, צי איז דאָס נישט אַ סימן, אַז ס'האָט טאַקע אַנדערש נישט גע־קענט זיין? לכל הפּחות — אפשר האָבן זיי נישט מיט אַ גרינג האַרץ און לייכטן געמיט זיך באַשלאָסן אויף דעם? און בכלל ווי קען מען עס משפּטן מענטשן, וואָס מען האָט טאָגטעגלעך געשענדעט זייער פּרצוף אלוקים, הלמאי זיי האָבן אַליין נישט אָפּגעהיט אַלע כללים פון סאָציאַלער און געזעלשאַפטלעכער מאָראַל?

אָט אַזעלכע און ענלעכע פראַגעס קענען אין שייכות מיט אונדזערע באַטראַכטונגען געשטעלט ווערן. דער מקור פון די

א דערווידערונגען וואַלט, ווי געזאָגט, געשטעקט אינעם ווילן פונעם כוח הדמיון צו לייגן די זאַכן אויף זייער אייגנטלעכן פּלאַץ: געטאָ לחוד און געזונטע, נאָרמאַלע לעבנס-תנאים לחוד. איז לאָמיר זשע טאַקע דאָ אויף דעם אָרט זיך פּרווון פאַר־טראַכטן און אריינפילן אינעם געמיט־צושטאַנד פון דער געטאָ־מאַסע און לאָמיר זען, וואָס זי האָט פון א פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט נאַציאָנאַל־קוואַליטאַטיוו און טוגנטלעך מיט זיך פאָרגעשטעלט.

מען מוז מודה זיין, אז די מענטשן וואָס זענען אריין אין געטאָ האָבן די ערשטע צייט די יסודות פון זייער ווייטער־דיקן, אילוזאָרישן קיום געבויט נישט בלויז אויף בלאָסע רעשטלעך פון זייער פריערדיקן, פאַרביקן פאָלקס־ און לעבנס־שטייגער, נאָר אויך אויף גאַנץ נייע, ראַבעטיש־קרענקלעכע סאָציאַלע געפילן. און דאָס האָט גאָר אַנדערש נישט געקענט זיין. זענען דאָך אין משך פון דריי חדשים פאָרגעטאָ־תקופה פון א גאַנצן נאָרמאַלן געזעלשאַפטלעכן קערפּער גרויזאַם און אומברחמנותדיק אָפּגעשניטן געוואָרן צוויי דריטל פון זיינע וויכטיקסטע גלידער. איז דאָך באַלד פון אָנהייב דאָס זיין אין געטאָ באַגלייט געוואָרן דורך שווידערלעכע שחיטות און אַק־ציעס, וואָס האָבן דערקוילעט דעם איבערגעבליבענעם כבוד־געפיל פון די מענטשן. אין אַזאַ מחוץ־לטבעדיקן מצב־הענו־נים האָבן זעלבסטפאַרשטענדלעך געמוזט אויפקומען א ריי נייע אַסאָציאַלע געפילן, וואָס האָבן א צייט דאָמינירט אין געטאָ און טיילווייז מעגלעך געמאַכט די גאַנצע אַטמאָספערע פון אומ־עטישע און אַנטי־געזעלשאַפטלעכע טאַטן.

וועלכע זענען עס די קרענקלעכע און בלתי ספק שעדלע־

כע געפילן, וואָס האָבן לכתחילה דאָמינירט אינעם ווילנער געטאָ־צבור?

דאָס איז ראשית כל אַ געפיל פון מינדערווערטיקייט און הילפלאָזיקייט, וואָס האָט באַלד תחילת ארומגעכאַפּט באַדייטנדיקע טײלן פונעם קבוץ און וואָס איז דורך דעם געזונטן פאָלקס־אינסטינקט גרינטלעך באַזיגט געוואָרן ערשט נאָך אַ פּאָר חדשים פון ארבעט איבער זיך, זעלבסטקאָנטראָל, פאַרהעלטניסמעסיקער רו און סאָציאַלער און קולטור־טעטיקייט. דער אַ קאָלעקטיווער געפיל פון מינדערווערטיקייט האָט — מיט ווינציקע אויסנאַמען — טאַקע פולשטענדיק געלײמט יעדן פּרווו פון גײַסטיקן און פיזישן ווידערשטאַנד, יעדן אַקט און רוף צו אחריות און נאַציאָנאַלער פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

דאָס איז שנית — אַ פאַרקערעווען זיך פון די קאָלעקטיווע טענדענצן אין אַ צענטראָפוגאַלער ריכטונג. עס האָבן ראַשיק גענומען דאָמינירן די אײגענע אינדיווידועלע דאגות, און די באַדערפענישן און זיבערקייט פונעם קאָלעקטיוו זענען אָפּגערוקט געוואָרן אויף אַ נידעריקערן פּלאַן. מען האָט קודם כל געוואָלט ראַטעווען זיך און די סאַמע נאָענטסטע. מען האָט ווי אין אַן אונטערגײיענדיקער שיף פאַר אַלעמען געפּרווט שלעפּן צו זיך דעם שווימגאַרטל. צו אָט דער עגאָצענטרישער אינדיווידואַליזאַציע האָט אַן צווייפל גורם געווען דאָס שנעלע צעפאַלן זיך פון די צונויפשמידנדיקע יסודות פונעם כלל אונטער די היטלעריסטישע קלעפּ.

דאָס איז דריטנס — דער פּאַראַליזירנדיקער געפיל פון שרעק, וואָס איז באַפאַלן דעם קבוץ און האָט אָפּגעטויט זיין פּריערדיקן, פאַר אים אַזוי כאַראַקטעריסטישן מוט און וואַגונג. די דײַטשע ראַפינירטע סיסטעם, פון אָפּסמען דורך בהדרגהדיקע

און כסדר וואקסנדיקע נגישות די גייסטיקע אקטיוויטעט אין די מענטשן און זייער נאטירלעכן בונט־אינסטינקט, האט זיך איינגעגעבן. דעם ארט פון מוט און זעלבסטשוץ־חוש האט פארנומען זייער געפערלעכסטער, פסיכישער שונא: דער פחד.

דאס איז פערטנס — דער געפיל פון בושה און דערנידערונג, וואס האט פארגאסן די קרבנות און אויפגעפרעסן אין זיי אלע מענטשלעכע רעגונגען און אכטונג צו זיך אליין. מען האט זיך געשפירט אויסגעלידיקט און בארויבט פון דער מינימאלסטער חשיבות און ווירדע און פארוואנדלט אין די סאמע נידעריקסטע, ווערטלאזסטע ברואים, וואס יעדער איינער קען און דארף צעטרעטן און באשפייען.

דאס איז פינפטנס — דער גרויסער געפיל פון יאוש און צוועקלאזיקייט, וואס האט באהערשט אלע לעבנגעבליבענע אין אנבליק פון אזעלכע שוידערלעכע אומגליקן. דאס איז געווען א געפיל פון וועלט־אונטערגאנג, פון וועלכן מען האט נישט געזען קיין שום אויסוועג און קיין שום רעטונג. ס'האט אויסגעקוקט, פונקט ווי א נידעריקע, בלוטדארשטיקע חיה וואלט מיט מוראדיק אויסגעשארפטע ציין און נעגל זיך א ווארף געטאן אויף א שוואכער שוצלאזער פייגל־נעסט. דאס איז געווען א טויט־פארצווייפלונג, וואס האט באטויבט און אפגעטעמפט אלע חושים און געדאנקען.

אט דאס איז בערך דער קאמפלעקס פון אומנארמאלע און אנטי־סאציאלע געפילן, וואס האבן צייטווייליק אויפגעשפראצט אין דער געטא־מאסע. ביי וועמען מער ביי וועמען ווייניקער — זיי האבן אין די ערשטע חדשים דאמינירט אינעם צבור און געלייגט זייער סטעמפל אויף זיין אויפפירונג און האלטונג. פון דער לאגע ארויסגייענדיק וואלטן די אפפרעגער אפשר געווען גערעכט,

ווען זיי וואָלטן אין אַזאַ דעפּאָרמירטן און דעקאָמפּלעטירטן מענטשן־מאַטעריאַל נישט געקענט זען אָט די קאָנסטרוקטיווע גייסטיקע כוחות, וואָס זענען מחייב סאָלידאַריטעט, אחריות און אַכטונג צו די מיטליידנדיקע.

די מעשה איז אָבער וואָס די אויבן אויסגערעכנטע דאָמינאַנטן האָבן אָנגעהאַלטן אינעם קבוץ בלויז געציילטע חדשים. מיטן כוח פון זעלבסטאָנשטרענגונג, אינטימער פאַרבינדונג מיטן פאָלקס־גורל און טיף איינגעוואָרצלטער ליבשאַפט צו דער יידישער געמיינשאַפט און איר קולטור האָט די מאַסע זיך ארויסגעריסן פון איר פאַרשטיינערטקייט און גיך און ראַדיקאַל גובר געווען אין זיך אירע אנטי געזעלשאַפטלעכע אינסטינקטן. ווי אַ חולה מסוכן וואָס כאַפּט זיך אויף צו אַ ניי לעבן. אַזוי האָט די מאַסע זיך אַ נעם געטאָן צו פרישער, אינעווייניקסטער אַרבעט און קולטור־בויאונג. צו דעם האָט אויך גורם געווען די לענגערע אָטעם־פּויזע און רו, וואָס איז אנטשטאַנען נאָך די שחיטות און רדיפות, און דער עיקר: די אויפריכטיקע חרטה־ און תשובה־געפילן צוליב דער פריערדיקער פאַרלוירנקייט.

ביי אַזאַ ראַדיקאַלן שנוי־המצב קען שוין אָבער קיין רייד נישט זיין וועגן אַ גינציקן באָדן פאַר אומעטישע טאַטן. אדרבה. דער הייסער רצון צו פאַרריכטן די אייגענע אויסגעלענקטקייט האָט אָנגעצונדן די הערצער מיט אַ טיפער, אמתער פאַרשטענדעניש און מיטגעפיל פאַרן צווייטנס ליידן. דער לעבעדיקער, צוריק אויפגעוואַכטער אינסטינקט פאַר פאָלקס־קיום און המשך איז רייף און גרייט געוואָרן פאַר נייע מעשים פון סאָלידאַריטעט און געמיינשאַפטלעכקייט. אַ פאַרשטייערשאַפט וואָס וואָלט זיך גערעכנט מיט דער אַ פלאַמיקער, פריש אויפגע־

בלוטער יוגנטלעכקייט און ברענענדיקער לוסט צו ברודערלעכקייט, וואלט וואונדער געקענט אויפטאן. אזוי איז אבער נישט געשען. די יידישע געטא-פירער האבן זיך אין זייער גאנצער מעטיקייט ווייטער גערעכנט בלויז מיט די דייטשע פאדערונגען און דייטשן ווילן. די מיט א נייער נשמה אנגעקליידעטע, אויפגעוועקטע מאסן זענען דער גענס-פארשטייערשאפט נישט געווען צום הארצן. זי האט ווייטער געבויט אויף יענער פארגליווערונג, צעטומלטקייט און דעסטרוקטיווע געפילן, וועלכע דער צבור האט ענדגילטיק אפגעווארפן און אויפריכטיק באדויערט. און דערפאר איז זי טאקע ביזן סוף געבליבן פרעמד דעם רוב פון פאלק און פיינדלעך צו זיינע וויכטיקסטע באגערן און שטרעבונגען.

פּריוויל‏עגירטע יידן

קאַפּיטל 8

לאָמיר אויף דעם אָרט מיט עטלעכע ווערטער זיך אָפּשטעלן אויף אַ ספּעציפישער, טרויעריקער דערשיינונג אינעם געטאָ־לעבן — אויף די אַזוי גערופענע פּריווילעגירטע יידן.

אינעם ווילנער געטאָ איז אַזעלכער געווען יעקב גענס אָדער זיין געהילף דעסלער. אין אַנדערע געטאָס האָבן זיי געטראָגן אַנדערע נעמען. כמעט אַלע אָבער — ווו זיי זאָלן נישט האָבן געווען און מיט וואָס פאַרא יידישן קבוץ זיי זאָלן נישט האָבן אָנגעפירט — האָבן אויף אַ מאָדנעם, אומפאַרשטענדלעכן אופן אויסגעפונען אַט די נייטיקע האַרמאָניע צווישן „געוויסן" און ווירקלעכקייט, כדי די טרויעריקע הילפס־אַרבעט פאַר די דייטשן צו טאָן בשלמות. מיטן אויסנאַם פון עטלעכע שטעט — וואַרשע, לודמיר, אייניקע ערטער אין גאַליציע א״אַ — ווו יידן־עלטסטע האָבן אָפּגעוואָרפן די דייטשע פאָדערונגען אָדער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד*), פלעגן זיי אומעטום זיך זייער גוט אַריינפּאַסן אינעם היטלעריסטישן אויסראָטונגס־סיסטעם און אויספילן אין אים זייער וויכטיקע פאַר די דייטשן פונקציעס. אויסער דעם פלעגן זיי נאָך יעדער שחיטה־אַקציע פאַר פיל לעבנגעבליבענע זיין דער סימבאָל פון אַ געוויסער אילוזאָרישער זיכערקייט און האָפענונג איבערצוקומען. יידן אָן געלע לאַטעס, מיט רעכט צו גיין אויפן טראָטואַר, פריי

---

*) וואַרשעווער געטאָ.

שמועסן מיט די דייטשן און אונטערהאַנדלען מיט זיי — דאָס האָט פאַר אַ סך געטאָ־מענטשן אויסגעזען ווי אַ חסד, וואָס קען זיי אַמאָל אויך צופאַלן נאָכן איבערלעבן די דייטשע פאַר־ניכטונגס־פּלענער. אָט דעם קוק פון געוויסע שיכטן האָבן די יידן־עלטסטע זייער גוט געקענט און אים באַטראַכט ווי אַ גע־זעלשאַפטלעכער הסכם און באַרעכטיקונג פון זייערע פּאָסטנס. אייניקע פון זיי — מער „תמימותדיקע” און ווייניקער פאַר־דאָרבענע — פלעגן אָט דעם גוטוויליק־קנאהדיקן סענטימענט פאַרשטאַרקן, אָרגאַניזירנדיק אַ טיילווייז דערלויבטע הילפס־און קולטור־טעטיקייט אין די געטאָס. זיי האָבן מחמת דעם געהאַט דעם געפיל, אַז זיי דינען נישט בלויז די דייטשן, נאָר אויך דער געטאָ־באַפעלקערונג.

צו די אַ מער „תמימותדיקע” און ווייניקער פאַרדאָרבענע יידן־עלטסטע, וואָס האָבן געזוכט זיך צו דערווערבן די סימ־פּאַטיעס פון דער מאַסע, געהערט אויך יעקב גענס. זעלבסטפאַר־שטענדלעך, אַז דאָס „זוכן דערווערבן” הייסט נאָך נישט פאַר־טרעטן די אינטערעסן. פאַרטרעטן די אינטערעסן פון דער יידי־שער באַפעלקערונג האָט אין יענער שוידערלעכער צייט באַדייט: אָפּוואַרפן דעם דייטשן אָנגעבאָט פון מיטאַרבעט! און אויב נישט אָפּוואַרפן — לכל הפחות נישט נאָכגעבן זייערע פאָ־דערונגען פון מענטשן־קעפּ! דאָס אַלץ האָט גענס — ווי מיר ווייסן שוין פון די פריערדיקע קאַפּיטלען — נישט געטאָן. אָבער שוין דער עצם פאַקט, וואָס ער האָט זיך געניייטיקט אין עמעצנס צושטימונג באַווייזט, אַז די האַרמאָניע צווישן געוויסן און ווירקלעכקייט האָט ער זיך איינגעשאַפט אַ סך שווערער ווי אַנדערע יידן־עלטסטע. די אינעווייניקסטע קאָנפליקטן צו־ליב זיין פונקציע זענען מסתם געווען ביי אים מערער און

שאַרפער. זיי זענען געווען שאַרפער אויך דערפאַר, ווייל נישט געקוקט אויף אַלע זיינע באַמיאונגען, האָט ער זיך דערוואָרבן די גינציקייט בלויז פון געציילטע קרייזן. דער רוב מנין ובנין אָבער פון דער געטאָ־באַפעלקערונג האָט מחמת איר געזונטן אינסטינקט בשום־אופן אים נישט געקענט האַלטן פאַר איר עכטן פאַרטרעטער. ס'האָבן אים נישט געקענט האַלטן פאַר זייער אמתן פאָרשטייער די טויזנטער שקלאַפן, וואָס פלעגן טאָג־איין טאָג־אויס טאָן עבודת־פּרך אין די בריגאַדעס; ס'האָבן אים נישט געקענט האַלטן פאַר אַזעלכן די הונדערטער פאַמיליעס, וועמענס אייגענע זענען דורך זיין פּאָליציי געשלאָגן, געקאַטעוועט אָדער אַרויסגעגעבן געוואָרן די דייטשן; און ס'האָבן אים אוודאי נישט געקענט האַלטן פאַר אַזעלכן די געזעלשאַפטלעך־אָרגאַניזירטע סביבות, וואָס האָבן קאָנספּיראַטיוו זיך געגרייט צו אַ קאַמף מיט די דייטשן.

אָט אַזוי איז ביי אים אויפגעקומען עפּעס אַזוינס, וואָס מיר וואָלטן אָנגערופן „גענס־קאָמפּלעקס". ער איז באַשטאַנען אין דעם וואָס פון איין זייט האָט זיין גאַנצע ליטוויש־מיליטערישע פאַרגאַנגענהייט און משפּחה־אינטערעסן (ער האָט געהאַט אַ ליטווישע פרוי, וואָס האָט געוווינט מיט זייער טאָכטער מחוצן געטאָ) אים מסוגל געמאַכט צו דער ראָליע פון אַ יידן־באַפעלער; פון דער אַנדערער זייט האָט דער יידישער פונק אין אים זיך געבונטעוועט קעגן זיין אַרבעט ווי אַ דייטשער געהילף. נישט קענענדיק אינגאַנצן צוציען צו זיך די געטאָ־מאַסן, האָט ער זיין אינערלעכן קאַמף געפּרוּווט איינשטילן דורך האַנדלונגען לטובת ביידע צדדים — די דייטשן און די יידן, און וואָס אין תוך אַריין האָבן זיי קיינעם נישט באַפרידיקט. ער האָט דער געסטאַפּאָ אַרויסגעגעבן די פאַרלאַנגטע קעפּ; ער האָט

אָבער בפירוש געזאָגט — און ביזן סוף געהאַלטן וואָרט — אַז קיין קינדער וועט ער נישט אַרויסגעבן. זיין פּאָליציי איז באַגאַנגען אַ ריי מעשים־תעתועים; ער האָט אָבער מיט דער זעלבער פּאָליציי אַדורכגעפירט אַ מוסטער־השגחה איבער דער ריינקייט און אָרדענונג אין די גאַסן. ער האָט האַרט און ברוּטאַל געהאַנדלט לגבי דעם פּ.פּ.אָ.־פירער גלאַזמאַן און אַרויסגעגעבן די דייטשן יצחק וויטענבערגן; און אין דער זעלבער צייט האָט ער זיך מיט זיינע מענטשן געגרייט צוצושטיין צו דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, ווען די צייט וועט קומען. אָט דער דאָזיקער זיגזאַג פון זיינע מעשים, וואָס האָבן אין דער אמתן אָפּגעשפּיגלט זיינע אינעווייניקסטע סתירות, האָט טאַקע אַרויסגערופן די אַזוי זיך פונאַנדערגייענדיקע מיינונגען וועגן זיין פּערזאָן און טעטיקייט. און ביז היינטיקן טאָג איז צווישן די ווייניקע איבערגעבליבענע פון ווילנער געטאָ צו באַמערקן אַ שאַרפן פירוד אין דער אָ פראַגע.

דער אמת איז אָבער נאָר איינער: צווישן די פאַרשידענע פּריווילעגירטע יידן, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן די דייטשן, גערערט יעקב גענס צו ידי, וואָס האָבן נאָך פאַרמאָגט אַ שטיקעלע געוויסן. צו קליין איז זיין געוויסן געווען, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פונעם „כבוד" צו זיין אַ ברוטאַלער נוגש פון זיינע ברידער, ער איז אָבער געווען צו גרויס, אַז דער נוגש אין אים זאָל אָפּהאַלטן אַ פולן נצחון.

צוואַנגס-אַרבעט און די קול-טור-טעטיקייט

קאַפּיטל 9

עס וועט נישט זיין גאַנץ דאָס בילד פון דער יידישער מאַרטיראָלאָגיע אין דער געטאָ־צייט, אויב מען וועט נישט נעמען אין אַכט אַ באַזונדערע כוונה, וואָס די דייטשע מאַכט האָט אַריינגעלייגט אינעם אָנהענגען דעם יידישן כּלל אַ קייט פון אומאויפהערלעכע, פיזישע אַרבעטן. די דאָזיקע כוחות און ווילן אויסזייגנדיקע אַרבעטן האָבן זיך געצויגן פון דעם מאָמענט אָן, ווען די מלחמה־מאַשין האָט די דייטשן צונויפגעשטויסן מיט דעם אייראָפּעישן יידנטום, ביזן טאָג פון זיין ענדגילטיקן אומקום.

אין פלוג האָט עס אויסגעזען, אַז די יידישע אַרבעטס־פליכטן און אַרבעטס־רעאַליזאַציעס זענען אייגנטלעך דאָס קלענסטע בייז אין אַ סיסטעם, וואָס שטרעבט צו דער פולקאָמער אויסראָטונג פון אַ פאָלק. עס האָט אויסגעזען, אַז סיי אין די יידישע אויגן און סיי אין די אויגן פון די קריסטלעכע שכנים איז די פונקציע פון אַרבעט בלויז איינער פון די געוווּנטשענע פאַקטאָרן, וואָס פאַרלענגערן דאָס לעבן פון די פאַרמשפּטע מאַסן, פילן אוים זייער צייט מיט געוויסע אַקטיווע — זאָל זיין פון די שונאים אָנגעוואָרפענע — אויפגאַבעס און פאַרזיכערן זיי כאָטש אַ מיגימאַלן, בעטלערישן פאַרדינסט. עס האָבן אויך געהאָלפן פאַרמירן אַזאַ בליק אויפן אַרבעטס־פאַקטאָר די אַלטע זכרונות פון אָקופּאַציע־רעזשימען,

וואָס פּלעגן אין פאַרשידענע תקופות אויסנוצן די פּיזישע קראַפט פון די ציטווייליק אונטערגעוואָרפענע באַפעלקערונגען לטובת זייערע קריגס־צוועקן, אָבער מער נישט ווי דאָס. אויף אָט דעם שטאַנדפּונקט שטייענדיק האָט טאַקע די ווילנער געטאָ־פאַר־שטייערשאַפט געזוכט מיט אַלע וועגן צו רעקלאַמירן די צוואַנגס־אַרבעט ווי אַ רעטונגס־מיטל און צו פאַרשטאַרקן איר פּראָדוק־טיוויטעט.

מיר קומען אַזוי אַרום צו צו נאָך אַ פאַלשער, טיף שעדלע־כער באַנעמונג פון די יידישע אָנפירערשאַפטן אין יענער טרויעריקער צייט — אַ באַנעמונג, וואָס די דייטשן האָבן פאַר־שטאַנען קונציק אונטערצוהאַלטן און וואָס האָט אַזוי טייער גע־קאָסט די מיט בלוט אָפּגייענדיקע מאַסן. עס האָט גאָרנישט אויסגעמאַכט, וואָס די קנעכט אַליין האָבן פון צייט צו צייט גע־פּרוווט דורך העראָישע אַקטן און שעדיקעריי־אַקעגנצווירקן די היטלעריסטישע צילן; עס האָט אויך ווייניק פּועל געווען, וואָס זיי האָבן דורך אַ ריי סאַבאָטאַזש־אַקציעס זיך באַמיט צו געבן דער צוואַנגס־אַרבעט דעם כאַראַקטער פון אַ סטאַביל אָנגייענ־דיקער דיווערסיע, — עס בלייבט אַ פאַקט, אַז מיט דער הילף פון קליינע געטאָ־גרופּעס איז די דייטשן געלונגען איינצושפּאַ־נען צענער טויזנטער צום טויט פאַראורטיילטע אין זייער רײ־זיקן הינטערפראָנט־וואָגן און, אַ דאַנק דעם טאַקע, פּענטען זייערע אינעווייניקסטע כוחות און אָפּטעמפּן אין זיי דעם נאַ־טירלעכן אינסטינקט פון ווידערשטאַנד.

אין וואָס באַשטייט דער פאַלשער אָדער אויפריכטיקער טעות פון דער געטאָ־אָנפירערשאַפט, און וואָס האָט זי דאָ פאַרזען? דער טעות אירער באַשטייט אין דעם, וואָס זי האָט פאַרזען די נידעריקע כוונה פון די רוצחים, אַז די קרבנות

אַליין זאָלן מיט די אייגענע הענט צוגרייטן די נייטיקע מאַטע־ריאַלן פאַר זייער תליה — און צוגרייטן זיי אונטער אַ ווילדער בייטש פון די סאַמע שוידערלעכסטע באַליידיקונגען און דער־נידעריקונגען; זי האָט פאַרזען דעם טייוולאָנישן געלעכטער פון די מערדער, וואָס די שוין מאָרגן פאַרטיליקטע העלפן זיי דיינט תמימותדיק צו צו זייער בלוטיקן נצחון; און זי האָט פאַרזען דעם אומגעווייִנלעכן סאַדיזם זייערן צו קוויקן זיך מיט די ראַנגלענישן פונעם פון אַלע כבוד־געפילן אויסגעליידיקטן קרבן און ציען בולטן פּראָפיט פון זיינע נסיסה־אָנשטרענגונ־גען.

אַז די דייטשן האָבן געדאַרפט די יידישע הענט פאַר זייע־רע קריגס־צוועקן, אין דעם קען קיין ספק נישט זיין. אָבער אַז זייער כוונה איז דערביי געווען צו בינדן די דאָזיקע הענט און זיי דורך דער אַרבעט צו דערפירן צו אַ צושטאַנד פון פול־שטענדיקער אַנטמענטשלעכונג, איז אויך אויסער יעדן ספק. דער אופן, ווי זיי האָבן עס רעאַליזירט, באַווייזט אויף אַ צבי־עותדיק־ראַפינירטער אויסגערעכנטקייט זייערער אויף דעם גע־ביט. לכתחילה האָבן זיי ווילקירלעך געכאַפּט צו דער אַרבעט פון די גאַסן און הייזער; שפּעטער האָבן זיי די יידנראַטן גופא איבערגעגעבן דאָס אָרגאַניזירן די נייטיקע קאָנטינגענטן; צום סוף האָבן זיי די רעשטלעך לעבנגעבליבענע אריינגעטריבן אין געטאָ און פאַרוואַנדלט זיי אַלעמען אין איין ריזיקן, שקלאַפּישן אַרבעטס־לאַגער. די בריגאַדעס, וועלכע זענען באַשטאַנען פון עטלעכע צענדליק ביז עטלעכע הונדערט מענטשן, זענען טאַקע געווען אַ מוסטער־בילד פון אַזעלכע אָרגאַניזירטע אַרבעט־און טויט־מחנות. זיי האָבן אין משך פון צוויי יאָר צייט, ווי שטראָמען פון אַ רעגולירטן טייך, זיך געלאָזט פון געטאָ צו אַלע

פראָדוציר־פונקטן, אָפּגעגעבן דאָרט דעם מאַקסימום ענערגיע און — אויפן ווינק פון די באַפעלער — זיך צוריק אַריינגעגאָסן אין זייער קאַריטע. דערביי האָבן זיי קלאָר געוווסט, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט דער מערדערישער משגיח זייערער אַרויסציען די דאַמבעס, וואָס זענען אונטער זיין שליטה, און מיט דער גרעסטער פאַראַכטונג און האַס וועט ער פאַרקערעווען זייער גאַנצן שטראָם דאָרט אַהין צום טויטן־טאָל... און וויסנדיק דאָס, און נישט קענענדיק זיך העלפן, איז ביי זיי אויפגעקומען אָט די פסיכישע דעפּרעסיע און זעלבסט־גרינגשעצונג, וואָס די דייטשן זענען טאַקע דורך דער צוואַנגס־אַרבעט אויסן געווען אין זיי אויפצוּוועקן.

אָט אַזוי זענען מיר דערגאַנגען צום עצם שורש פון די היטלעריסטישע פּלענער לגבי די נאָך לעבעדיקע יידן. ביי אַזאַ מין מצב וואָלט טאַקע אוממעגלעך געווען די מינדסטע בונטאַרישע יערונג אינעם געטאָ־צבור. אין אַ סך ערטער איז דאָס טאַקע די דייטשן געראָטן אויף הונדערט פּראָצענט. אין אַנדערע ערטער — צווישן זיי אויך ווילנע — נישט! און נישט דערפאַר, ווייל אין ווילנער געטאָ זענען געווען היפּלעך מענטשן, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט באַטויבן פונעם מערדערישן סיסטעם, נאָר דווקא דערפאַר, ווייל סיי די ווידערשטענדלער סיי גרויסע טיילן פונעם קאָלעקטיוו זענען צו זייער זעלישן און פיזישן אַקעגנשטעל רייף געוואָרן דורך אַ וואונדערלעכן, פון די דייטשן נישט פאָרויסגעזעענעם פאַקטאָר: דער פאַקטאָר פון גייסטיקער טעטיקייט, וואָס האָט זיי טיילווייז אויסגעהיילט פון זייער פאַרצווייפלטער זעלבסט־גרינגשעצונג און צוריק אויפגעריכט אין זיי דעם צעטראָטענעם כבוד־געפיל.

וואָס זענען די צוועקן פון דער גייסט־ און קולטור־טעטי־

קייט פון אַ קבוץ אין געוויינלעכע, נאָרמאַלע תנאים? נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין לאַנגע מעדיטאַציעס קען מען זאָגן, אַז ראשית כּל און אויפן ערשטן פּלאַץ זענען זיי מכוון צו באַפרידיקן די עיקרדיקע נשמה־באַדערפענישן פון קאָלעקטיוו און יחיד, פּונקט אַזוי ווי די ווירטשאַפטלעכע טעטיקייט באַצוועקט צו באַפרידיקן זייערע מאַטעריעלע הצטרכותן. די אַלזייטיקע שעפערישקייט איז אַזוי אַרום אַ דעקונג פון אַלזייטיקע ביאָלאָגישע און גייסטיקע נויטן. אַנדערש איז עס אָבער אין אומנאָרמאַלע, אומגעוויינלעכע באַדינגונגען. דאָ קומען אויף אַזעלכע בלויזן אין דער אָדער יענער לעבנס־ספערע, וואָס — ביי גליקלעכערע אומשטענדן — ווערן זיי אויסגעפילט און דערגאַנצט דורך עקוויוואַלענטן פון אַ צווייטער לעבנס־ספערע. דער פּראָצעס פון אַזאַ אינעווייניקסטער דערגאַנצונג איז טיף פאַרהוילן פאַרן אויסערלעכן אויג, אָבער ער קומט דאָך פאָר. דער זעלנער, וואָס „מוז" האַסן זיין מיליטערישן שונא עקוויוואַלענטירט זיך זיין געצוווּנגענעם האַס דורך אַ דירנדיקער פריינדשאַפט צו זיינע אייגענע מיטקעמפער. די גרויסע בענקשאַפט נאָך אַן אַוועקגעגאַנגענעם נאָענטן ווערט געשטילט דורך אַן איבערגעטראָגענער ליבשאַפט צו זיינע איבערגעלאָזענע ערדישע חפצים. אַ קאַטאַסטראָפע, וואָס טרעפט אַ פאָלק, ווערט ס'רוב קאָמפּענסירט דורך אַ פאַרהערלעכונג פון זיין פאַרגאַנגענהייט אָדער זיינע שליחותן. דער פּסיכיש־רעטנדיקער עקוויוואַלענט פון די ווילנער יידן, וואָס זענען ביי דער פיזישער צוואַנגס־אַרבעט דעגראַדירט געוואָרן צו די סאַמע פאַראַכטעטע, שוצלאָזסטע ברואים, איז געבוירן געוואָרן אין זיי דורך זייער גייסטיקער אַרבעט באַלד נאָך די ערשטע שחיטה־אַקציעס. דאָס איז נישט בלויז געווען אַ טעטיקייט אויף צו

באַפוידיקן גייטיקע יולטור־הצטרכותן; דאָס איז גיכער פון אַלץ געוועזן אַ זעלישער אויפשטייג פון אַזאַ קראַפט, וואָס האָט היינטערבאַוווסטזיניק געדאַרפט אָנגרייפן די מיקראָבן פון פּחי־תות און הילפלאָזיקייט. די גייסטיקע עבודה פונעם יידישן דערנידעריקטן, פאַרפייניקטן אָרגאַניזם האָט געדאַרפט היילן און קרעפטיקן אין אים דעם אָפּגעשוואַכטן לעבנס־מוט און „איך".

אוודאי וויל ליד, מוזיק און מאָלעריי זעטיקן אַן עמאָציאָ־נעלע באַדערפעניש. אוודאי דאַרף דערציונג אַנטוויקלען, און טעאַטער אויסברייטערן די האָריזאָנטן. אָבער קונסט, שול, טע־אַטער און געזעלשאַפטלעכע אידייען צווישן טויט פאַראורטייל־טע הייסט: פאַרגיטיקן און צעבלאָזן דעם זיך אויסלעשנדיקן לעבנס־פונק אין זיי! און צווישן באַליידיקטע און דערנידעריקטע טויט פאַרמשפּטע הייסט עס נאָך מערער: היילן און איינשטילן אומגעהויערע יסורים פון אַ טיפער נשמה־וווּנד! מאַכן, אַז די פאַרמשפּטע זאָלן גיין צום טויט אין זייער גאַנצער, צוריק אויפגעבליצטער, חשיבות־פולער מענטשלעכקייט! און אַז די געטאָ־מענטשן — די שעפער ווי די קאָנסומירער — האָבן נאָר אויף אַזאַ אופן אַדורכגעפילט און איבערגעלעבט זייער גייס־טיקע קולטור־יצירה איז טאַקע בולט צו זען אין די וווּנדער־לעכע רעזולטאַטן אירע: אין דער אינטימער באַטייליקונג פון די צעבראָכענע מאַסן, יוגנט און קינדער אין דער קולטור־און שול־טעטיקייטן, אין זייער פאַמעלעך ווידער אויפוואַכנ־דיקער ווירדע, און אין דער אויפקומענדיקער, פאַרטיזאַנישער טעטיקייט פון דער פ. פ. אָ.

מיר קענען איצט שליסן דאָס קאַפּיטל מיט דער אַ קור־

צער כאַראַקטעריסטיק פון דער ראָל פון דער פיזישער און גייס־טיקער אַרבעט אין דער געטאָ־צייט:

די פסיכישע פונקציע פון דער צוואַנגס־אַרבעט אונטער די דייטשן איז געווען: דערדריקן דעם לעצטן פונק פון בונט און ערע אין די קרבנות און זיי מסוגל מאַכן צו אַ ווירדעלאָזן סוף; די פסיכישע פונקציע דאַקעגן פון דער יידישער קולטור־אַרבעט איז געווען: קרעפטיקן זייער אָפּגעשוואַכטן „איך" און מוט און צוגרייטן זיי צו אַן אַקטיווען זעלישן און פיזישן ווי־דערשטאַנד.

אַ גנעטאָ-וואָך

(פראַגמענט)

קאַפּיטל 10

2 אַפּריל 1943

נישט באַשערט געווען מיר היינט צו געניסן פון דעם אויסטערלישן תענוג, וואָס נאָר אין געטאָ קען ער געמאָלט זיין: דער תענוג פון קראַנק זיין און נישט גיין איין טאָג מיט דער בריגאַדע צו דער אַרבעט.

אַך! מיט וואָס פאַרא פאַרגעניגן האָב איך נעכטן אין מיטן נאַכט אויפגענומען דעם שאַרפן ווייטיק אין מאָגן, וואָס האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן מיין שלאָף. כ׳האָב זיך שטיל אויפגעהויבן פון דעם האַרטן טאַפּטשאַנדל, וואָס האָט מיר געדינט פאַר אַ בעטל, און וועלכן כ׳האָב מיט גרויס מי קוים אויסגעפועלט פאַר זיך אין די סטאָליאַר־וואַרשטאַטן. קונציק, לאַווירנדיק אינעם ענגן צימערל, כדי נישט אויפצוועקן מיינע פינף מיטשכנים, האָב איך זיך צוגעקראָגן צום קליינעם שענקעלע, וווּ פרוי בערגמאַן האָט געדאַרפט האַלטן איר באָק־סאָדע. שווער געווען ביים פּייערל פון די אָנגעצונדענע שוועבעלעך אונטערצושיידן צווישן די פילע סלאָיקלעך, וואָס האָבן זיך געווייסלט ביי די ווענטלעך. ענדלעך האָב איך עס דער־טאַפּט, דאָס פלעשעלע מיט דער היילנדיקער סאָדע. כ׳האָב אַרויפגעשיט אַ היפּשע פּאָרציע אויף דער האַנט און גלייך

אַן וואַסער עם אַראָפּגעשלינגען. און געטאָן האָב איך עס מיט אַ נישט אַרויסגעזאָגטער בקשה: אַז דער פּראָשעק זאָל קיין סך נישט ווירקן און כ׳זאָל קענען מאָרגן מיט אַ רויקן געוויסן אַרויסבאַקומען אין אַמבולאַטאָריע אַ באַפרייַ־צעטל פון דער אַרבעט.

יאָ, די סאָדע האָט טאַקע נישט געהאָלפן. צוליב די קראַמפּן אין די געדערים בין איך שוין ביז קאַיאָר געלעגן מיט אָפענע אויגן און געטראַכט וועגן דער הנאה, וואָס דערוואַרט מיך מאָרגן: אַ טאָג זיין אַליין מיט זיך, אָן דעם שקלאַפישן מאַרש מיט דער ברינגאַדע איבערן שאָסיי, און די שפּאָטישע בליקן פון די שפּאַנישע שפּיטאָל־וועכטער.

אָבער, ווי געזאָגט, נישט באַשערט געווען מיר דאָס ביסל רו און פרייד פון קראַנק זיין. דער שווערער שאָק, וואָס איז מיר צוגעטיילט געוואָרן באַלד צו מאָרגנס, האָט גרינטלעך אַ תל געמאַכט פון אַלע מיינע הייטערע חשבונות. דאָס איז געווען אַן אויפטרייסלונג, וואָס כ׳האָב נישט איבערגעלעבט זינט כ׳בין צוריקגעקומען פונעם זאַטראָטשער לאַגער. אינעם דאַזיקן טאָג זענען צעפּליקט געוואָרן אַ רייַ שטאַרקע פעדעם, וואָס האָבן מיך אינטים און פעסט געבונדן מיט געוויסע מענטשן.

און אָט וואָס ס׳איז געשען:

כ׳האָב זיך איינגעפּרי — ווי נאָר די בריגאַדעס זענען אַרויס פון געטאָ — געלאָזט גיין אויף רודניצקי־גאַס צום דאָקטאָר. פּלוצים האָב איך באַמערקט אַ געלויפעריי. מענטשן זענען געשפּרונגען זיך באַהאַלטן אין די הויפן מיט אויסגעשרייען: מען כאַפּט צו אַרבעט! כ׳בין געוואָרן אָנגעשטעקט פון דער בהלה און צוזאַמען מיט נאָך אַ פינף מאַן אַריין אין אַ זייטיקן טויער. באַלד נאָך אונדז זענען אין הויף אַריין צוויי יידישע

פּאָליציי־לײַט: אײנער פֿון העכערן ראַנג, און דער צווייטער — דער יונגער פּאָליציאַנט מ. דער זון פֿון מײַנס אַ גוט באַקאַנ־טער פֿאַמיליע.

שטעלן זיך אין דער ריי! פֿאַרוואָס זענט איר אַנטלאָפֿן? — האָט דער פּאָליציי־עלטסטער זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף אונז.

די מענטשן האָבן עפּעס געמורמלט. איך האָב זיך פֿאַר־ענטפֿערט, אַז כ'אַרבעט אויסערן געטאָ און אַז דאָס בין איך איצט, אַ קראַנקער, געגאַנגען צום דאָקטאָר.

— כ'האָב געשריען: שטיי! פֿאַרוואָס האָט איר זיך נישט אָפּגעשטעלט?

— כ'האָב נישט געהערט שרייען: שטיי! — האָב איך ווייטער געטענהט.

— דערלאַנג זײַ! — האָט דער פּאָליציי־עלטסטער גערי־משעט.

דער יונגער מ. האָט גענומען באַטיילן מיט קלעפּ די מענטשן לויט דעם ווי זיי זענען געשטאַנען אין דער ריי. ווען ער איז צוגעקומען צו מיר, האָט ער אַוועקגעבויגן דעם קאָפּ און אַראָפּגעלאָזט דעם גומענעם שטעקן.

— דערלאַנג אים! — האָט דער עלטסטער געשריען.

מ. האָט עטלעכע סעקונדן געצעגערט. דאַן האָט ער מי־מאָמאָל אויפֿגעהויבן דעם שטעקן און, נישט קוקנדיק אויף מיר, מיר דערלאַנגט אַ קלאַפּ.

— מאַרש! — האָט דער פּאָליציי־עלטסטער באַפֿוילן.

מען האָט אונדז אַלעמען אַוועקגעפֿירט צו אַ זאַמלפּונקט, וווּ ס'האָבן שוין געוואַרט ביי אַ 40 מאַן. אַ האַלבע שעה דער־נאָך האָבן מיר שוין מאַרשירט איבער די ווילנער גאַסן צו דער

עלעקטראָווניע צו. דאָרט האָבן מיר ביז טיף אין דער נאַכט אַריין אויסגעלאָדן עטלעכע וואַגאָנען קוילן און זיי אין טאַטש־קעס געשלעפּט אין די מאַגאַזינען אַריין.

מאָדנע, ווי כ׳האָב בעת דער צען־שעהדיקער אַרבעט נישט געפילט קיין שום ווייטיק אין מאָגן. די ביטערע, אייגנאַרטיקע דערנידערונג, וואָס כ׳בין אויסגעשטאַנען, איז געווען פון אַזאַ מין, אַז זי האָט אָפּגעטעמפּט אין מיר אַלע מיינע חושים. מיט אַ ווילדער האַסטיקייט, וואָס איבער מיינע כוחות, האָב איך געשאָטן די קוילן אין די טאַטשקעס און ס׳האָט זיך מיר נעגלוסט נאָר איין זאַך: פאַרגעסן אין מיין אייגענער עקזיס־טענץ!

אַרום צען ביינאַכט האָבן מיר זיך אומגעקערט אַהיים. האַרט ביים אַריינגאַנג אין געטאָ איז געשטאַנען מ. ער איז צוגעגאַנגען צו מיר און געבעטן אים מוחל זיין.

— דו האָסט געשלאָגן נאָך מענטשן אַחוץ מיר... פאַר זיי טוט דיר נישט באַנג?

— כ׳מוז דאָך שלאָגן, ווען מען הייסט מיר... פאַרגעסט נישט, אַז כ׳האַלט אויס מיין משפחה — האָט ער זיך פאַר־ענטפערט.

— פאַרוואָס גייסטו נישט, ווי מיר אַלע, אַרבעטן אין די בריגאַדעס?

ער האָט געשוויגן, אָבער כ׳האָב שוין אויף זיין ענטפער נישט געוואַרט. ס׳איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז זיין גאַנץ מחילה בעטן נעמט זיך פון זייער אַן אויבערפלעכלעכן שולד־באַוווסטזיין, און אַז קיין שום ערנסטער קאָנפליקט איז אין אים מחמת דעם נישט פאָרגעקומען. חדשים־לאַנגע אַרבעט אין

דער פּאָליציי האָבן באַוויזן ענדגילטיק אָפּצוטעמפּן זײַנע פּליכט־געפילן לגבי די מענטשן.
3־טער אַפּריל.

פּאַר מײַן בעטל, אויף וועלכן כ׳בין געלעגן אַן אויסגעמאַ־טערטער, אַ צעווייטיקטער, נאָכדעם ווי מײַנע שכנים זענען אַוועק צו דער אַרבעט, האָט זיך היינט באַוויזן אַ מלאך אין געשטאַלט פון אַ יונגער, צאַרטער פרוי: דאָס איז געווען פּאַניע ל.

זי איז געשטאַנען איבער מיר, האַלטנדיק אין דער האַנט די מעדיצינען, וואָס מען האָט מיר אָקערשט פאַרשריבן. דער דאָקטאָר, וועלכן מײַנע פרײַנד האָבן מיט צוויי שעה צוריק אַראָפּגעבראַכט צו מיר אין שטוב, האָט מסתם נישט־געאַנט מיט וואָס פּאַרא געפיל פון דאַנקבאַרקייט כ׳וועל זײַנע רפואות אײַננעמען. זיי זענען מיר דערלאַנגט געוואָרן דורך אַן איידע־לער, דעליקאַטער האַנט, וואָס האָט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אין די פאַרביקע וואַסערלעך אַרײַנצוטאָן איר וואַרעמסטן מיטגע־פיל און סובטעלע פּאַרזיכטיקייט. זי האָט מיך אפילו מיט קיין איין וואָרט נישט איבערגעפרעגט וועגן דער נעכטיקער פּאַסי־רונג, הגם כ׳האָב געוווסט, דאָס זי האָט פון איר פענסטער אויף סטראַשון־גאַס 7 אַלץ צוגעזען. דאָרט אויפן הויף, וווּ מיר זענען אַרײַנגעלאָפן זיך באַהאַלטן, האָט פּאַניע ל. געוווינט מיט אירע עלטערן און באותו זמן געפירט די לאָקאַטאָרן־ביכער פון יענעם געטאָ־ראַיאָן.

לאָמיך זײַן אויפריכטיק און זאָגן, אַז אין די דאָזיקע מי־נוטן האָב איך טיף אין זיך אַ סך ווייניקער באַדוערט יענע ברוטאַלע געשעעניש. מיט איר גאַנצן פּלוצימדיקן דערשײַנען בײַ מיר אין צימערל האָט זי מיטגעבראַכט אַן אומגעזעענע, — אָבער זעלטענע פּאַר מײַן ווונד, — זאַלב: דאָס איז געווען אַ

זאלב פון העכערער, ווארעמער פריינדשאפט און דיסקרעטער באטייליקונג אין מיין צער. כ׳האב געוווסט: כ׳קען גארנישט מער דערווארטן פון איר אחוץ אט די העכערע, ווארעמע פריינדשאפט. דאך איז דאס געווען פאר מיר גענוג. ס׳האבן מיך צוגעווווינט צו זיין א מסתפק במועט די צוויי יאר וואס פארן קריג, ווען כ׳האב פאניע ל. דערקענט. דאס האט זי — א יונגעטשקע סטודענטן — מיך געלערנט אויפנעמען מיט דער גרעסטער געדולד די קריטישע באמערקונגען אויף מיין ערשטן נאוועלן־בוך „שטאם און צווייג”. דאס האט זי טאקע אליין דערוואגט זיך צו קריטיקירן אויף א סיום אין ייווא מיין אספיראנטור־ארבעט איבער משה קולבאקס שאפונג, און דאס האט זי איינע פון די ערשטע גענומען א ווארט בעת מיינע לעקציעס פון פסיכאלאגיע אין ווילביג. לערנט זיך פון אייערע צוהערער פונקט ווי אייערע צוהערער לערנען זיך פון אייך! — האט זי שארף און אפאריסטיש אפגעווענדט מיין זעלבסטפארטיידיקונג. דערביי אבער פלעגט זי ארויסווייזן אזא טיפן אינטערעס פאר מיינע גייסטיקע און עסטעטישע איבערלעבונגען, אז כ׳האב איר געמוזט מוחל זיין איר קריטישע זעלבסטשטענדיקייט.

אט אזוי האבן זיך ביסלעכווייז געשאפן צווישן אונדז אזעלכע באציונגען, וואס האבן אונדז אי דערנענטערט אי דערווייטערט. די א נאענטקייט און גלייכצייטיק פרעמדקייט האט באקומען דעם אויסדרוק אין א געוויסער קערפערלעכער דיסטאנץ, וואס האט שטענדיק געהערשט צווישן אונדז אפילו אין די גייסטיק־אינטימסטע פארבינדונגען אונדזערע.

כ׳האב געקוקט אויף איר זעלטן שיין געשניצט געזיכט, פון וועלכן די לעצטע טרויעריקע געשעענישן האבן נישט בא־

וויזן אָפּצווווישן די שטאָלצע שטריכן און כ׳האָב זיך דערמאָנט דעם וווּנדערלעכן עפּיזאָד, בעת זי האָט אין א ריינִיקונגס־אקציע אָפּגעראַטעוועט עטלעכע יידן. דער ליטווישער פּאָליציאַנט, וואָס האָט אויפגעדעקט איר מלינע איז געווען אזוי באַצויבערט פון איר, אַז נישט נאָר זי אַליין, נאָר אויף איר פּאָדערונג האָט ער אויך געלאָזט צורו די איבעריקע מענטשן פון דער באַהעלטעניש. יאָ, אין אָט דעם זעלבסטשטענדיקן פרויען־וועזן איז דאָ אַ סך גייסטיקע קראַפט. וואָס טראַכט זי פּאָרט וועגן מיין נעכטיקער איבערלעבונג?

כ׳בין פאַראינטריגירט געוואָרן פון איר אומאויפהערלעכן שווייגן און ס׳האָט זיך מיר געוואָלט הערן פון איר עפּעס א מיטפילעריש וואָרט. זי האָט אראָפּגענומען פון פייער די אָפּגעקאָכטע גרייפּעלעך, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט מיט זיך, באַגאָסן זיי מיט מילך און מיר זיי דערלאַנגט אויף א ריינעם, בלאַנקענדיקן טעלער. ענדלעך האָט זי זיך געגרייט אַוועקצוגיין. „זי מוז רעדן״, „זי מוז רעדן״ — האָט עס אין מיר געריודערט. כ׳האָב זי ווייך אָנגענומען ביי דער האַנט און בעטנדיק איר אַריינגעקוקט אין די אויגן. דאַן האָט זי זיך פּלוצים אָנגעבויגן איבערן בעט און מיר אַ קוש געטאָן. א גליקלעכער, א צעשטראַלטער האָב איך גענומען מורמלען:

— פאַניע... איר ווייסט אַלץ...

זי האָט זיך צוריק אויסגעגלייכט און — לאָזנדיק זיך גיין צו דער טיר — רואיק און שטרענג געזאָגט:

— איר זענט צופיל אַריינגעטאָן אין דעם, וואָס האָט אייך געטראָפן, און איר פאַרגעסט, אַז דער גאַנצער געטאָ ליידט פון דער יידישער פּאָליציי...

4־טער אפריל.

היינט האב איך זיך צוריק אומגעקערט אין שפאנישן לא־זארעט נאך צוויי טעג זיין אין שטוב. דער בריגאדיר ג. האט קאנטראלירט דאס באפריי־צעטל און מיר געגעבן א „גרינ־גערע" ארבעט: העלפן אין גארטן, אראפנעמען די שטרויענע מאטעס מיט די פענסטער און באגיסן מיט וואסער די גרינס־בייטן.

אט אזוי בין איך ווידער ארונטערגעפאלן אונטער דער שליטה פונעם באיארטן, האלב־גראען אונטעראפיצער דאן כואן לאפעז, ביי וועמען כ'האב שוין א פאר מאל געארבעט. ער איז, ווי זיין שטייגער, פאמעלעך ארומגעגאנגען צווישן אונדז א פולער, א זאטער, מיט די הענט פארלייגט אויף ארונ־טער און מיט א צופרידענעם שמייכל אויף די ליפן. ער איז צופרידן פון אונדזער ארבעט, פון די באטעמטע געקעכטסן וואס דער יידישער קוכער גרייט ספעציעל צו פאר אים און פון דער פיל צייט, וואס בלייבט אים איבער אויף צו שרייבן זיינע לידער. איצט האט ער מיך באמערקט צווישן די גארטן־ארבעטער. ער האט זיך עטלעכע מאל געדרייט לעבן מיר, זיך צוגעקוקט צו מיינע באוועגונגען צווישן די בייטן און מיטא־מאל א זאג געטאן:

— כ'וועל דיר עפעס ווייזן...

כ'האב פארשטאנען, וואס ער מיינט. כ'בין איינמאל צו־פעליק ביי געווען, ווען ער האט פאר ש. מארגענשטערן און דר ליבער (ביידע גוטע שפאניש קענער צווישן די שפיטאל־ארבעטער) פארגעלייענט זיין פאעזיע. פון דעמלט אן האט ער מיך געדענקט ווי זיינס א צוהערער, און איצט האט ער מיך מסתם געוואלט „מהנה" זיין מיט זיי. ער האט ווירקלעך

אַרויסגענומען פון קעשענע עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר און זיך בריוו צעשמייכלט:

— קום אַריין אין אַראַנזשעריע. דו וועסט היינט זען מיין ערשטער אַפּלאָדירער!... און אָוונט טרעט איך אַרויס מיט זיי פאַר די קראַנקע...

— אָבער ה׳ אונטע־אָפיצער, כ׳פאַרשטיי זייער קנאַפּ שפּאַניש...

ער האָט זיך אויסגעדרייט און אַ קוק געטאָן אויף מיר קרום און אומצוטרויליך:

— דו האָסט דוכט זיך שוין איין מאָל געהערט?

— יאָ, אָבער ווייניק פאַרשטאַנען...

— אַזוי... כ׳וועל פּרווון דיר איבערזעצן אויף דייטש.

ער האָט צום ערשטן מיט גרויס פּאַטאָס זיי פאָרגעלייענט אין שפּאַניש, שפּעטער זיי איבערגעזעצט אויף אַ צעבראָכענעם דייטש. דאָס זענען געווען לידער וועגן נאָענטן „זיג", אַ ליובגעזאַנג צו פראַנקאָ, און וועגן נייעם מענטש, וואָס וועט נאָכן קריג פילן אַן עקל צו בלוט־פאַרגיסונג...

סעניאָר, דאָס אַ ליד טויג נישט! — האָב איך פּלוצים מיט היץ אומגעריכט פאַר זיך אַליין אויסגעשריען.

— פאַרוואָס? ווי אַזוי? — האָט ער אַ צעטומלטער געשטאַמלט.

— דאָס ליד איז פאַלש, ווייל די אידיי איז אַ פאַלשע! פון רציחה קען געבוירן ווערן בלויז רציחה... מער גאָרנישט...

— וואָס הייסט דאָס?... — האָט ער אַלץ געשטאַמלט.

כ׳האָב אים געקוקט גלייך אין די אויגן און אונטער מיין צעגליטן בליק האָבן זיך געביטן אַלע קאָלירן אין זיין געזיכט. ער האָט אין גרויס פאַרלעגנהייט געקנייטשט די פּאַ־

פֿילעך אין האַנט און האָט, זעט אויס, געזוכט, ווי אַזוי אַרויסצוגיין מיט כבוד פֿון דער דאָזיקער אומבאַקוועמער סי־טואַציע. ער האָט אין דער אמתן געהערט צו אָט די וויכ־סע, פּשוטע, אָבער דורכויס טעמפּע מענטשן, וואָס האָבן לחלוטין נישט געזען, וואָס אַרום זיי טוט זיך. אַלע בלוטיקע מעשים פֿון זייערע פֿירער זענען זיי פֿאַרגעקומען נישט מער ווי אַ קאַפּריז אַזאַ, אויף וועלכן „גרויסע” דערלויבן זיך אַמאָל. זאָל זיך דער קריג ענדיקן, און די שפּיל וועט ממילא אויפֿהערן..

— כ׳פֿאַרשטיי דײַן עמפּערונג, אָבער כ׳בין נישט אײַנ־פֿאַרשטאַנדן מיט דיר... — האָט ער געזאָגט, באַהאַלטנדיק די פּאַפּירלעך.

— קען איך צוריקגיין אין גאָרטן?

—קענסט דערווײַל צוריקגיין... נאָר אויף פּאָעזיע פֿאַר־שטייסטו זיך שלעכט, מײַן ליבער.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט דער בריגאַדיר ג. מיך אָוועקגענומען פֿון גאָרטן צו דער קרייז־זעג. אַ בייזער, אָן אויפֿגערעגטער האָט ער אַרויסגעצישעט:

— ווי האָט איר געוואַגט? וואָס איז דאָ געווען צווישן אײַך?

— ער איז אַ טיפּש! — האָב איך געזאָגט.

—באַהאַלט אײַערע מיינונגען פֿאַר זיך! איר וועט מיר די בריגאַדע נישט איבערפֿירן!... — האָט ער זיך אויף מיר אַרויפֿגעוואָרפֿן.

ווען די אַרבעטער האָבן זיך אויסגעשטעלט צו גיין אין געטאָ איז ג. צוגעקומען און מיר געמאָלדן, אַז פֿונעם 10־טן אַפּריל וועל איך איבערגעטראָגן אין דער פֿיליע פֿונעם שפּאַ־נישן לאַזאַרעט.

5־טער אַפּריל.

היינט איז ער געשען, דער דורך קיינעם נישט פאָרויס־געזעענער, אָבער דורך אַ סך מענטשן פאָרויסגעפילטער אומ־גליק: מען האָט די איבערגעבליבענע קנאַפּע פינף טויזנט יידן פון אָשמיאַני, סווענציאַן, ניי־סווענציאַן א.א., וועלכע מען האָט צוגעזאָגט אַוועקצופירן קיין קאָוונע, פאַרנאַרט הינטער ווילנע אויף פּאָנאַר און דאָרט אַלעמען אויסגעשאָסן.

דער געטאָ גייט היינט אום מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און מיט טיפן טרויער אין האַרצן. דאָס איז נישט בלויז צו־ליב די עטלעכע טויזנט פרישע, אומשולדיקע קרבנות. זענען דאָך אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר צענדליקער און צענדר־ליקער טויזנטער פאַרשלעפּט געוואָרן אין יענעם שחיטה־טאָל! ווילנע טרויערט נאָך די 20 טויזנט יידן, וואָס לעבן נאָך אין געטאָ, אָבער וועמענס טויט־אורטייל איז היינט ענדגילטיק אונטערגעשריבן געוואָרן. אפילו פאַר די סאַמע געטרייסטע גענס־אָנהענגער, אפילו פאַר די סאַמע נאַיווסטע מאַמינים אין אַ מעגלעכן חסד פון די היטלעריסטישע תלינים איז איצטער קלאָר געוואָרן, אַז זיי האָבן זיך די גאַנצע צייט גע־שפּייזט מיט פאַלשע און שעדלעכע מיראַזשן.

ווי קאָמיש און נעבעכדיק זעען עס איצט אויס די אַלע גענס־חסידים און פּאָליציאַנטן. זיי שטייען אויף די טראָ־טואַרן מיט די גומענע נאַהייקעס און מיידן אויס צו קוקן די מענטשן אין פּנים אַריין. זייערע הענט ליגן זיך שוין נישט צו שלאָגן מיט אָט דער חוצפּה און אומפאַרשעמטקייט, וואָס האָט בפירוש דערמאָנט אין דער ברוטאַלקייט פון זייערע דייַ־טשע באַפעלס־געבער. אויך ביי זיי האָט היינט עפּעס געפּלאַצט. זייער געביטער גענס איז עס דאָך געווען רעך, וואָס איז צו־

זאַמען מיט זיי אַראָפּגעפּאָרן צו די פּראָווינצער יידן און אויפן בּייערלעכסטן אופן זיי פאַרזיכערט, אַז עס דראָט זיי נישט קיין שום געפאַר. איז אָט שטייען זיי איצט — אַנטוישטע און פאַרראַטעוועטע — אין גרופּקעלעך, און שמועסן צווישן זיך וועגן אַ טויטן „קעניג,, וואָס האָט נאָך געכטן אַבּסאָלוט געהערשט איבער זיי.

גענס איז היינט אינגאַנצן נישט אַרויס פון זיין שטוב. מען קען דאָך נישט נאָך אַזאַ אַדורכפאַל פריי זיך באַוועגן צווישן אַן עולם, וועמען מען האָט צוויי יאָר צייט געצוווּנגען און איינגערעדט צו דינען די דייטשע מושלים, כדי צו בּלייבּן לעבּן. בּלומרשט איז ער אויך פאַרצווייפלט צוליב די טראַגישע געשעענישן. די ידיעות, וואָס דערגייען וועגן אים, דערציילן, אַז ער זיצט מיט פאַרבּראָכענע הענט און קען זיך נישט שענקען זיין לייכטזיניקייט און לייכטגלויבּיקייט. אָבער לויט דער גאַנצער גענס־נאַטור, איז דאָס נישט מער ווי אַ פּאָריבּערגייענדיקע „שוואַכקייט". ער וועט זיך פונקט אַזוי אויפריכטן פון דער שווידערלעכער קאָוונער אַקציע, ווי גיך און בּולקאָם ער האָט זיך אויפגעריכט פון די זקנים־ און אַנדערע אַקציעס. דאָס קנעכטישע אין אים וועט געוויס ווידער זוכן אויפצולעבּן דורך אַ נייעם צוואַנג און דורך אַ שפּאָגל־נייער אָפּנאַרעריי. די נאַטור אין אַזעלכע ווי ער לערנט ווייניק פונעם פאַרגאָסענעם בּלוט. דאָס איינציקע, וואָס זי איז מסוגל צו לערנען, איז — אַז מען קען אפשר פּאָרט ווייכער מאַכן די דייטשע מערדערישע הערצער דורך נאָך אַ גרעסערער דינסטגרייטשאַפט און נאָך אַ גרעסערער אונטערטעניקייט.

אָבער דערווייל, דערווייל איז נאָך גענס אַליין אויך בּאַרווירט און צעטומלט. און די עדה הילפלאָזע יידן קען

כאָטש איין טאָג זיך פרײַ איבערגעבן די אייגענע טרויעריקע באַטראַכטונגען און חרטה־געפילן. דעם אומגליק, וואָס איז היינט געשען האָט יעדער איינער ווי זיינס א פּערזענלעכע זאַך. דאָס איז נישט בלויז דער אומקום פון די אומשולדיקע קרבנות פון דער פּראָווינץ, דאָס איז — פילט יעדער איינער — דער אומקום פונעם גאַנצן ווילנער געטאָ! דאָס איז דער קראַך פון דער לעצטער האָפענונג!...

6 אַפּריל.

ניין! דאָס דאָזיקע טראַגישע בילד וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן! דאָס איז עפּעס אַזוינס, וואָס שניידט זיך טיף אַריין אין דער נשמה און בלוטיקט דאָרט מיט אַן אייביקער וווּנד.

דאָס איז געווען גלייך ווי אונדזער בריגאַדע איז נאָך דער אַרבעט געקומען אין געטאָ. עטלעכע מינוט פאַר אונדז האָבן זיך צוריקגעקערט פון פּאָנאַר די יידישע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אויף דער געסטאַפּאָס באַפעל צונויפגענומען פון די פעלדער די צעשאָסענע, פּראָווינצער יידן און זיי באַגראָבן אין א בשותּפותדיקן ברודער־קבר. זיי האָבן געהאַלטן ביי דער האַנט א קליין מיידעלע פון א יאָר 7, וואָס איז געלעגן באַהאַלטן אונטער עטלעכע געפאַלענע קערפּערס און אַזוי אַרום געראַטעוועט געוואָרן פון טויט.

בעת מיר זענען אַריין זענען מענטשן געווען צונויפגעזאַמלט און טיף שווייגנדיק באַטראַכט דאָס קינד. עס איז געשטאַנען צווישן זיי מיט א בלאַס, קרייד־ווייס פּנימל און פאַמעלעך — מיט עפּעס אַן אינעווייניקסטער רעזיגנאַציע און גליווערנדיקן ערנסט — געפירט די אויגן פון איינעם אויפן צווייטן. קיינער האָט גאָרנישט גערעדט און גאָרנישט איבערגע־

פרעגט. נאָר יעדער איינער האָט אויף אַ פּריקרע־שמערצלעכן אופן געפילט אויף זיך דעם ווייטן, קאַלירלאָזן, טויט־פרעמדן בליק פונעם מיידעלע. פּלוצים האָט עמעצער אויסגעבראָכן אין אַ געוויין. עטלעכע מענטשן האָבן צוגעלייגט טיכלעך צו די אויגן. אָבער אויפן קינד האָט עס נישט געמאַכט קיין שום רושם. זי האָט קוים־קוים געווענדט דעם בליק אויף דער ווייִנענדיקער פרוי און אויף איר פּנימל איז אַלץ געבליבן דער זעלבער פאַרשטיינערטער, טויט־פרעמדער אויסדרוק.

אַ דערשיטערטער בין איך אַוועק פון פּלאַץ. כ׳בין אַריין צו זיך אין שטוב און געשפּירט ווי די טרערן נעמען מיך שטיקן אין האַלדז. דאָס איז נישט בלויז געווען מיטלייד מיט דעם גע־ליטענעם קינד, דאָס איז גיכער געווען דער ביטערער געפיל, אַז דער טויט לאָזט אַזוי גיך נישט אָפּ זיין קרבן. ער גייט אים נאָך, אַפילו ווען ער ראַטעוועט זיך פון אים, און סמט אָפּ אַלע זאַפטיקסטע כוחות זיינע: דאָס האַרץ, דעם לעבנס־ווילן און די פריייד...

פאָלק און טויט

קאפיטל 11

נישט נאר אין שטוב פלעג איך זיך מיט מיינע פריינד
צונויפטרעפן, נאר אויך אויפן גאס. צו דעם קליינעם ליידי־
קן פלאץ נישט ווייט פון רודניצקי פלעגן אין געוויסע
אוונטן קומען אראנטשיק בערנשטיין, טראופיאנסקי, קלוינס־
קי, פרץ צונזער און מיינע געוו. תלמידים ניעטשונסקי און
לאנגער. אין דעם מטושטשדיקן טונקל פון דער נאכט פלעגן
זיי זייערע געדאנקען ארויסשעפטשען מיט א ברען און ברויז
און ס'האט אויסגעזען ווי מענטשן, וואס איילנדיק זיך ער־
געצוו, לאזן זיי האסטיק פאלן זייערע ווערטער. נישט שטענ־
דיק האבן גערעדט איינע און די זעלבע. ס'האבן זיך געביטן
די ראליעס: ווערליק שטימונג און ווערליק טעמע. מערקוויר־
דיק ווי די צרות האבן נישט געענדערט דעם עיקר כאראקטער
און די עיקר־נייגונג פון יעדן איינעם פון זיי. דער שטענדיק
ענערגישער טראופיאנסקי האט אויך איצט זיין שוימיקן
טעמפעראמענט אויסגעלאדן אינם געצוואונגענעם שעפטש פון
זיינע רעיונות וועגן ווידערשטאנד און פ. פ. א. דער באדאכ־
טער, פילאזאפיש געשטימטער דר. א. בערנשטיין האט רואיק,
צייל־נדיק יעדעס ווארט, געוועבט א וואונדערלעכע פאעמע וועגן
אייביקייט, און העכערן זין פון לעבן. דער שווייגנדיקער, סקעפ־
טיש־פאסיווער פרץ צונזער האט זיך אין זיין טראכטן דער־
גריבלט צום שורש פון גוטס און שלעכטס אין די מענטשן.

און דער אַלטער שול־טוער קלווינסקי האָט גערעדט וועגן העראָיזם און דעם מסירת נפש פון ג. מאַלאַקעוויטש. אָבער ווער האָט זיך געקענט ריכטן, אַז מײנע תלמידים פון דער ווילנער 14־טער מיטלשול פון יאָר 1940 וועלן ווערן אַזױ אַקטיוו און זעלבסטשטענדיק זיך באַטײליקן אין די ויכּוחים? דאָס האָט זײ, זעט אויס, די דרײ יאָר פײַן געגעבן שטאָף און גײַסטיקן כּוח. און אפשר האָט די אָנזאָג פונעם נאָענטן סוף זײ דערמוטיקט אַרויסצושלאָגן פון זיך די פונקען פונעם יונגן, נישט אויסגעלעבטן לעבן?

אין דער נאָענט האָבן שאָטנס אַדורכגעשלײכט און טײלמאָל זיך פּלוצים פאַרהאַלטן. דאָס האָט זײ אָפּגעשטעלט אַ ברוזיק־געשלײדערט וואָרט פון די פרײַנט: זײ האָבן עס אויפגעכאַפּט, אײַנגעזויגן אין זיך און מיט שטומער פאַרבלעפטקײט אַוועקגעטראָגן מיט זיך. נאָר נישט שטענדיק האָבן זײ אַרויסגעזאָגט זײערע מחשבות. אַ סך מאָל האָבן זײ מער געשוויגן ווי גערעדט. אָבער דער פינקלדיקער הימל פון אויבן האָט זײ פאַרשטאַנען און, אַ צעפײַערטער מיט מיליאָנען שטערנדלעך, האָט ער געגאַפט פון זײער חכמה.

⁂

איר שטייט, מײנע פרײַנד, בײַם לײדיקן געטאָ־פּלאַץ, אַרומגענומען מיט אַ גרויסער, שקלאַפישער מויער, צווישן טויזנטער פאַרמשפּטע. איר ווײסט גלײַך ווי איך: דאָס זענען פאַראורטײלט די אומשולדיקע צווישן די אומשולדיקע! אָבער פאַרוואָס רײסט זיך בײַ אײַך אַזוי דער פּראָטעסט־געשרײ פון אײַער ברוסט? וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ לעסטערונג — לית דין ולית נקמה? יש דין! — ער איז אין די פאַרמשפּטע! יש נקמה! — זי איז אין זײער טויט!...

מיינע פריינד, דער טייערסטער אוצר פונם מענטשן איז די גערעכטיקייט. די אומשולדיק־פאַרמשפּטע טראָגן זי אין זיך! זיי גייען אַוועק אין דער אייביקייט און נעמען מיט מיט זיך דעם שענסטן אוצר פונם לעבן. צוזאַמען מיט זיי גייט ענדגילטיק אַוועק די גערעכטיקייט. שרעקלעך איז די נקמה פון די פאַרמשפּטע!

ווייל אויב מיר מיינען, אַז גערעכטיקייט מוז זיין באַגלייט, דורך אַ געפיל פון עקזיסטענץ אָדער פון זינלעכן תענוג, דאַן פאַרשטייען מיר זי נישט, מיינע פריינד;
און אויב מיר מיינען, אַז די גערעכטיקייט דאַרף האָבן קערפּערלעכע כוחות, כדי אויפצורודערן דאָס האַרץ פון די מערדער, דאַן באַליידיקן מיר זי, מיינע פריינד;
און אויב אין אונדז בלייבט כאָטש דער מינדסטער געפיל פון אַנטוישונג מחמת אונדזערע ליידן צוליב דער גערעכטיקייט, דאַן זענען מיר נישט ווערט זי צו טראָגן; —
ווייל דאָס גוטס פון ריינער, לויטערער גערעכטיקייט איז אַזוי גרויס, אַז זיין מיט איר הייסט זיין איבערן לעבן און איבערן טויט!...
זי איז פיל, פיל העכער פון דער ליבע, ווייל ליבע באַניגנט זיך בלויז מיט זיך. די גערעכטיקייט אָבער געפינט דעם אָביעקט אין זיך אַליין און אין אַנדערע.

זי איז אָן אָן ערך העכער פון קערפּערלעכן תענוג, ווייל תענוג ד. ה. צונויפגיסן זיך מיט דער צייט. זי, די גערעכטיקייט, אָבער, גיסט זיך צונויף מיט דער אייביקייט.
זי איז פיל, פיל צאַרטער און איידעלער פון דער שיינקייט, ווייל שיינקייט ד. ה. וווינען אין דער פרייד פונם גליקלעכן. זי

אָבער, די גערעכטיקייט, ווינט בלויז אין די אומבאַגרענעצטע לײדן פונם אומגליקלעכן.

און איצט טראַכט זיך אַריין און איר וועט דערזען: די פאַרמשפּטע גייען נישט שטאַרבן, נאָר לעבן! ווייל שטאַרבן אין גערעכטיקייט הייסט — לעבן מיט איר אין דער אייביקייט!

און די נקמה פון די פאַרמשפּטע — דער טויט פון די מערדער! ווייל לעבן אָן גערעכטיקייט דאָס איז אייביקער טויט!

די שוֹלד פון די שכנים

קאַפּיטל 12

מען זאָגט, אַז ס'זענען דאָ פּיל אומשולדיקע: די פעלקער, וואָס האָבן נישט אָנטייל גענומען אינם יידן־מאָרד. און גלויבן מאַכט מען טאַקע אייך, מײַנע פריינד, אין דעם — אייך די קלוגע און דערפאַרענע, מיט אייער געניטן היסטאָרישן חוש און מיטן קלאַנג פון אַלטע שחיטות אין די אויערן...

ווי טעמפּ זענען די מיטשולדיקע וואָס מײַנען, אַז לאַנג וועט מען אייך אין אָט ־דעם אומוויסן קענען האַלטן. און ווי פּתדנות־דיק זענען זיי. די אַנגסט פאַר דער ווירקלעכקייט איז אין זיי אַזוי גרויס, אַז זיי דאַרשטן וואָס מערער מענטשן אין אָט דעם אומוויסן צו פאַרוויקלען, כדי אים צו מאַכן פאַר אַן אַבסאָ־לוטן אמת. און אַז ער וועט ווערן אַן אַבסאָלוטער אמת, וועלן זיי ממילא פּטור ווערן פון אַריינבליקן אין די אייגענע הער־צער. און פאַר דעם האָבן זיי טאַקע מורא: פאַר די שרעקלעכע איבערראַשונגען פונם אייגענעם האַרץ.

איר אָבער, מײַנע פריינד, האָט נישט וואָס צו פורכטן פאַרן אייגענעם האַרץ. דאָס האַרץ פונם קרבן איז אַזוי אויס־געאיידלט דורך די תהומות פון לײַדן, אַז דערבליקן קענט איר דאָרט בלויז די צאַרטע גוטסקייט און דעם ריינסטן עמאָל פון דער גערעכטיקייט. און אַפילו, אַז איר וועט דערזען דאָרט די ברענענדיקע לוסט פון נקמה און די ביטערע אַנטוישונג —

איז דאָס אַ נקמה, וואָס די געטלעכקייט אַליין פאָדערט זי פון אייך! איז דאָס אַן אַנטווישונג, וואָס קומט פון אייער צע־ווייטיקטער און געשענדעטער זעל... אַזאַ נקמה און אַזאַ אַנ־טווישונג — לאָזט זיי פריי וואַקסן אין אייער האַרץ! זיי זענען פאַר דער צוקונפט אַזוי נייטיק, פונקט ווי נייטיק עס זענען פאַר איר די גרויסע גוטסקייט און די גרויסע גערעכטיקייט.

און ווייל איר האָט נישט קיין פורכט אַריינצוקוקן אינם אייגענעם האַרץ, זענט איר מחמת דעם געוויס פריי אָפּצושליי־דערן דעם צביעותדיקן זאָג וועגן אומשולדיקע פעלקער. איר זענט גענוג מוטיק אַ געשריי צו טאָן: וויזט מיר אייער האַרץ! אוין איר זענט גענוג שטאַרק אָפּן און ערלעך צו דערציילן, וואָס איר האָט אין האַרץ פון די פעלקער דערבליקט.

און אין האַרץ פון פיל פעלקער וועט איר דערבליקן אַזאַ מעכטיקע פיינדשאַפט לגבי דעם שוואַכן, אַזאַ גיפטיקן שפּאָט, און — אין בעסטן פאַל — אַזאַ גלייכגילטיקייט צו זיינע לײַדן, אַז דאָס וועט אייך גלייך דערקלערן פון וואַנעט נעמט זיך די מענטשן־פיינדשאַפט און דער שפּאָט פון די דייטשע מערדער. איר וועט דערזען דאָרט די קאַלטע, אויסגערעכנטע גיריקייט און דעם רויבערישן אינסטינקט פון די פעלקער און איר וועט פאַר־שטיין, פאַרוואָס אייער פאָלק — דאָס שוואַכסטע פון די שוואַכע — איז אין אַלע דורות און אין אַלע צייטן געווען זייער באַ־ליבסטער קרבן.

אָבער נאָך עפּעס וועט איר פאַרשטיין! איר וועט פאַר־שטיין, ווי איז עס מעגלעך געווען, אַז מיליאָנען ליטווינער, פּאָליאַקן, רומענער, איטאַליענער, שפּאַניער, לעטן, עסטן און אַנדערע זאָלן טאָג־איין טאָג־אויס זיך צוקוקן ווי מ׳שעכט, באַשפּייט און מען פאַרמאַטערט אַ גאַנץ פאָלק צום טויט — און זאָך שווייגן!

איר וועט פאַרשטיין, ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, אַז

די מאַמעס, פרויען און קינדער פון יענע פעלקער זאָלן צוזען ווי אונדזערע מאַמעס, פרויען און קינדער ווערן געטראָטן, באַשפּיגן און פאַרפּייניקט — און שווייגן! און איר וועט פאַרשטיין, ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען, אַז שכנים פון דורות זאָלן פאַרגעסן אין דעם גוטס, וואָס מען האָט זיי געטאָן, און — ווי די קראָען אויף אַ מתים־פעלד — זיך אַרויפוואַרפן אויף דעם איבערגעבליבענעם האָב פון זייערע געשאָכטענע שכנים־יידן!

אוודאי זענען די דייטשן די דירעקטע הענקער פון אונדזער פאָלק. און אוודאי זענען דאָ פיל פעלקער, וואָס האָבן אפילו נישט געוווּסט, וואָס די דייטשן טוען מיט אונדז. אָבער נישט וויסן הייסט נאָך נישט אומשולדיק זיין. נישט וויסן הייסט בלויז: די אַלטע ראָל פון תליון איז היינט איבערגעגעבן געוואָרן צו אַ צווייטן. נישט וויסן הייסט בלויז: נישט בייזיין ביי דער עקזעקוציע, וואָס ווערט טיף אין הינטערבאַוווּסטזיין דורך אייניקע פון זיי טיילווייז אַקצעפּטירט! זי ווערט אַקצעפּטירט דורך דעם, ווייל די נשמות פון יענע פעלקער זענען קראַנק און אָנגעשטעקט מיט דער זעלבער קרענק: מיט שנאה, מיט שפּאָט, מיט גיריקייט און רויב־לוסט!..

און דערפאַר, מיינע פריינד, וועט זיין זייער קורצזיכטיק, אויב מיר וועלן די גערעכטע נקמה אונדזערע אָנווענדן נאָר לגבי דעם מערדער־פאָלק — די דייטשן. מיר וועלן דורך דעם האַנדלען ווי יענער תמימותדיקער אַרעסטאַנט, וואָס מיינט, אַז שולדיק אין זיין אומפרייהייט איז בלויז דער פּאָליציי־מאַן פון זיין קאַמער. די גערעכטע נקמה אונדזערע, וואָס מוז באַשטיין אינעם אויסראָטן דאָס שלעכטס פון דער ערד, דאַרף זיין געצילט צום מין מענטש אַלס אַזעלכן. קוים וועלן מיר טאָן אַנ־

דערש, וועלן מיר, אמת, זעטיקן דעם פלאַכן חשק פון נקמה, אָבער דאָס עצם שלעכטס וועט דייען און וואַקסן אין די הער־צער פון אנדערע און וואַרטן אויף נייעם מאָרד.

אָבער: צי לעבט דען אין יענע פעלקער בלויז דער שנאה־און רויב־אינסטינקט? צי שאַפן זיי דען נישט אויך גרויסע זאַכן, — זאַכן פון ליבשאַפט און נוצן?

מיינע פריינד, ווען די פעלקער וואָלטן בלויז געזייט אַרום זיך שנאה און מאָרד און נישט געשאַפן אויך זאַכן פון ליב־שאַפט און נוצן, דאַן וואָלט פאַר די לעבנגעבליבענע טיילן פון אונדזער פאָלק געבליבן איין וועג: אָפּצוטראָגן זיך פון דער אויבערפלאַך פון דער מערדערישער ערד. צום גרויסן גליק לעבט אינעם מין מענטש אויך אַ גרויסער קוואַל פון ליבע. אונדז — די שוואַכע — האָבן זיי שטענדיק באַשאָנקען מיט זייער שנאה. איז לאָמיר די דאָזיקע שנאה אויסרייסן! לאָמיר זי אויסרייסן מיט אונדזער געדולד, מיט אונדזער אַרבעט און אונדזער גוטסקייט. און דאָס וועט זיין די גערעכטע און איי־דעלע נקמה פון אונדזער פאָלק!

די שוּלד פון די אומשולדיקע

קאַפּיטל 13

פאַראַן אַ געוויסער סאָרט מענטש, וואָס פאַרדינט, דוכט זיך, צו טראָגן דעם העכסטווירדיקן נאָמען: די אומשולדיקע. ראָס זע:ען די געבענטשטע, איידעלע מענער און פרויען פון צווישן די פעלקער, וואָס נישט נאָר זיי האָבן נישט אָנטייל גענומען אינעם יידן־מאָרד, נאָר אדרבה — זיי האָבן געהאָלפן ראַטעווען אומגליקלעכע.

מיינע פריינד, אויך זיי — די באמת אומשולדיקע — זענען נישט איננאַנצן ריין פון שולד. אויך זיי קען דער שטרענגער שופט פונעם גרויסן פאָלקס־אומגליק נישט באַפרייען פון מיט־פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אויך זיי — די איידעלע און צאַרטע— קען ער נישט דערלויבן צו טראָגן דעם ווירדיקן נאָמען: אומ־שולדיקע, הגם זיי האָבן אויף אים, ווייזט אויס, לויט זייערע מעשים פאַרדינט.

און נישט ריין פון שולד זענען זיי, ווייל איידלקייט און צאַרטקייט זענען צו שטילע, צו פּאַסיווע אַקטן, דעמלט ווען מערדער ברענגען אום מיליאָנען שכנים זייערע!

און נישט ריין פון שולד זענען זיי, ווייל העלפן ראַטעווען איינצלנע יידן, בעת אַרום שטיקט מען קינדער אין די קאַמערן, איז פּונקט ווי לעשן דעם דאָרשט פון אַ טויט־פאַרמאַטערטן מיט געציילטע טראָפּנס וואַסער...

און מיטפאראנטוואָרטלעך זענען זיי, ווייל זיי האָבן אין ערגעץ נישט געהאלטן דעם יידישן אומקום אויף אזוי ווייט פאר זייערס א הארצנס־זאך, אז זיי זאָלן איינשטעלן זייער לעבן און אקטיוו ארויסטרעטן קעגן די מערדער!

און מיטפאראנטוואָרטלעך זענען זיי, ווייל נישט ארויס־טרעטנדיק קעגן די מערדער, האָבן זיי דערמיט מודה געווען, אז מען קען ווייטער לעבן אויף דער וועלט, בעת הונדערטער טויזנטער קינדער קומען אום פאר זייערע אויגן.

און זיי קענען נישט טראָגן דעם נאָמען: אומשולדיקע,— ווייל ברעכנדיק די הענט און פארגיסנדיק טרערן אויפן שווי־דערלעכן אומקום פון זייערע שכנים, זענען זיי פונדעסטוועגן פאָרט געגאנגען יעדן טאָג אין קירך און בארואיקט זייער גע־מיט מיט א תפלה פאר די אומגליקלעכע...

און זיי קענען נישט טראָגן דעם נאָמען: אומשולדיקע, — ווייל טיף אין הארצן האָבן זיי געדאנקט גאָט, וואָס די מער־דער שווינגען כאָטש אנדערע פעלקער.

ווייל כדי צו טראָגן דעם נאָמען: אומשולדיקע — איז ווייניק געווען איידלקייט און צארטקייט; — מען האָט גע־דארפט אקטיוו ארויסטרעטן קעגן די פלענער פון די מערדער!

און כדי צו טראָגן דעם נאָמען: אומשולדיקע, איז ווי־ניק געווען צו העלפן ראטעווען איינצלנע יידן — מען האָט געדארפט האָבן מוט איינצושטעלן דאָס אייגענע לעבן און נישט דערלאָזן דעם טויט־מארש פון קינדער!

און כדי צו טראָגן דעם נאָמען: אומשולדיקע, איז ווייניק געווען תפילה צו טאָן פאר די אומגליקלעכע — מען האָט גע־דארפט מיט די צלמים ארויס אין גאס און צעבונטעווען די רעליגיעזע מאסן!

און כדי צו טראָגן דעם נאָמען: אומשולדיקע, האָט מען נישט געטאָרט דאַנקען גאָט, וואָס די מערדער שוינען כאָטש אַנדערע פעלקער — מען האָט געדאַרפט זיך סאָלידאַריזירן מיט די אומגליקלעכע און מיטגיין מיט זיי צו זייערע טויט־פּלעצער!

מיינע פריינד, לאָמיר פונדעסטוועגן רעספּעקטירן די דאָזיקע מענטשן פאַר זייער איידלקייט אין אַ ים פון שנאה און אכזריות; און לאָמיר זיי דאַנקען פאַר דעם ביסעלע, וואָס זיי האָבן אונדז געגעבן, לויט זייערע כוחות און לויט זייער נאַטור!...

די זינד פון דער מענטשהייט

קאַפּיטל 14

אין דער גרויסער פאַרניכטונג, וואָס די מערדער־מענטשן האָבן אויף אונדז גוזר געווען, ליגט נישט בלויז דער גרויזאַמער ווילן אָפּצווישן דעם פיזישן שפּור פון יעדן איינעם פון אונדז אויף דער ערד. עס ליגט אין אים די נאָך גרויזאַמערע כוונה: אויסצומעקן יעדע געדעכעניש אָן אונדז אין די לעבעדיקע הערצער. די רעכט, וואָס ווערט צוגעטיילט אפילו דעם שוואַרצסטן פאַרברעכער, אַז דער בעסערער טייל אין אים זאָל דורך עמעצן מעגן פאַרגעדענקט ווערן, די אָ רעכט ווערט אויך ביי אונדז צוגענומען.

נישט בלויז וואָס מיר אַליין און אונדזערע נאָענטע קומען אום. צוזאַמען מיט אונדז קומט אום אונדזער גרעסערע משפּחה — דאָס גאַנצע פאָלק! די רעכט, וואָס עס האָט אפילו דער טונקלסטער פאַרברעכער, אַז דער בעסערער פונק פון זיין זעל זאָל לעבן בלייבן אין זיין פאָלקס־משפּחה, די אָ רעכט ווערט אויך ביי אונדז צוגענומען.

נישט בלויז וואָס אונדזער היינט און צוקונפט ווערן אויסגעשניטן פונעם לעבעדיקן קערפּער פון דער מענטשהייט. עס ווערן אויך מיט רוצחישן וואוט געמאַכט אַלע באַמיאונגען, אַז אונדזער גאַנצע פאַרגאַנגענהייט זאָל פאַרזינקען אין תהום פון שיכחה. די רעכט, וואָס ווערט צוגעטיילט דער סאַ־

מע נידעריקסטער פאָלקס־גרופּע, אַז אידם אַ זכר זאָל דורך עמעצן געלערנט און דערקענט ווערן, אפילו די רעכט ווערט אויך פון אונדז צוגענומען.

דער גרויזאַמער ווילן שטרעבט צו דערפירן אונדזער פּיזישן און גייסטיקן שם צו אַבסאָלוטער אומעקזיסטענץ. און די מענטשן אויף דער ערד, וואָס קעמפן צווישן זיך וועגן מאַכט און הערשאַפט, נישט בלויז וואָס זיי שטייען נישט אויף קעגן אים, נאָר אַ סך פון זיי העלפן נאָך צו אים רעאַליזירן. די פאַר־ניטיקונג, וואָס עס האָט אפילו דער געפערלעכסטער חוטא, אַז עמעצער זאָל מעגן זיך אָננעמען זיין קריוודע און אויסשרייען: ניין! — די אַ פאַרניטיקונג ווערט אונדז אויך נישט געגעבן.

די מענטשן קעמפן ווייטער צווישן זיך וועגן מאַכט און הערשאַפט. קיינעם פון זיי פאַלט אָבער נישט איין אונטערצו־נעמען אַ קאַמף פאַר דער רעטונג פונעם אומשולדיקסטן פאָלק, דאָס פאָלק, וואָס האָט שוין יאָר טויזנטער געלעבט אָן מאַכט און אָן הערשאַפט איבער אַנדערע ווערט דער קרבן פון די גי־ריקסטע הערשאַפטס־קאַמפן אין דער וועלט.

און ווייל עס שטעקט שוין פון אייביק אויף אין דער טבע פון די נידערטרעכטיקע פאַרברעכער צו באַשולדיקן אַנ־דערע אין די אייגענע זינד, ווערט דערפאַר אונדזער פאָלק באַ־שולדיקט אין באַגיין די פאַרברעכנס, וואָס די באַשולדיקער זעלבסט באַגייען. ידי, וואָס האָבן דעם רוף צו הערשאַפטסלאָ־זיקייט געמאַכט פאַר דעם געטלעכסטן רוף פון זייער נאַטור און גייסט, קומען איצט אום צוליב דעם שקר און הערשאַפטס־לוסט פון דער גאַנצער מענטשהייט.

אַט אַזוי ווערט עס געפירט צום טויט דער שליח פון דער גרויסער גערעכטיקייט, וואָס פון כמה דורות לערנט ער די

פּעלקער: הרגע נישט און פאַרשקלאַף נישט אַנדערע! דאָס לע־רער־פאָלק, וואָס זיין לאַנג געשיכטלעך לעבן איז איין גרויסער מוסטער פון טאָלעראַנץ און אַכטונג צו פרעמדער פרייהייט, קומט איין דער אמתן אום בלויז פאַר דער איין און איינציקער „זינד" זיינער: פאַר זיין העזה צו מוסרן און וואָרענען קעגן דער הערשאַפטס־גיריקייט פון אַנדערע.

און אַזוי קומען מיר צו דער טאָפּעלער זינד פון דער היינטיקער מענטשהייט: די זינד פון הערשן איבערן צווייטן און די זינד פון קרייציקן דעם לערער פון הערשאַפטסלאָזי־קייט. דאָס אומקומענדיקע פאָלק גייט צו זיין קרייץ מיט דער סאַמע שווידערלעכסטער באַשולדיקונג און וואָרענונג אויף זיי־נע ליפּן:

עס באַשולדיקט דעם גאַנצן מענטשלעכן מין אויף דער ערד! עס באַשולדיקט אים, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרוואָרפן די געטלעכע לערע און געמאַכט די הערשאַפט איבער אַנדערע פאַר זיין בלוטיקסטן, באַליבסטן אינסטינקט.

עס באַשולדיקט, אַז צוליב דער פאַרווירקלעכונג פון זיין בלוטיקן הערשאַפטס־אינסטינקט קרייציקט ער אָדער קוקט זיך גלייכגילטיק צו צום שרעקלעכן טויט פון מיליאָנען אומשול־דיקע מענער, פרויען און קינדער;

עס באַשולדיקט אים, אַז — אין זיין האַס צו די וואָס לערנען אים פון תמיד אויף דאָס קענגזעצלעכע פון דעם וואָס ער טוט. — שטרעבט ער אויסצושניידן, אָדער קוקט זיך גלייכ־גילטיק צו ווי מען שניידט אויס, פון לעבנס־זכרון דעם היינט, צוקונפט און פאַרגאַנגענהייט פון די קרבנות!

עס וואָרנט אים, אַז אין זיין אייפער צו פאַרלענדן און פאַראַשן די ריינערע און ווירדיקערע פון זיך, וועט ער סוף

כל סוף אליין פארלענד און אפגעווישט ווערן פון דער ערד.

עס ווארנט אים, אז אויב ער וועט זיך רעכטצייטיק נישט באדענקען, דאן וועלן אויפקומען אין זיין שוים נאך בלוטי־קערע, גרויזאמערע הערשער ווי ביז איצט, וואס וועלן איינער דעם צווייטן פרעסן און שניידן, ברענען און פאראשן, ביז וואנען עס וועט פונעם מין מענטש קיין שריד ופליט נישט בלייבן!

פון דער א באשולדיקונג פון די אומגעקומענע וועט זיך די מענטשהייט קיינמאל נישט ריינוואשן. זי קען זיך אבער ראטעווען פונעם אייגענעם ענדגילטיקן אומקום, וואס איר דערשאפטס־לוסט פירט צו אים, אויב:

זי וועט דעם טויט פון אן אומשולדיק פאלק מאכן פארן אויסגאנגס־פונקט פון א גרויסן, אמתן חשבון־הנפש איבער זיך זעלבסט;

אויב זי וועט כורעים פאלן פאר זיינע לײדן און טיף אין זינדיקן הארצן זיך קלאפן פאר זיינע אומגעהויערע, איבער־מענטשלעכע יסורים;

אויב זי וועט דערזען דעם גרונטלאזן תהום, צו וועלכן אי־רע פארברעכנס האבן זי דערפירט, און זיך רעכטצייטיק אפ־שטעלן איידער זי פאלט דארט אריין אויף אייביקן אבדון...

אויב זי וועט מיט האס און פאראכטונג פארשליידערן פון זיך די מיאוסטע, היסטארישע זינד אירע: די זינד פון פיי־ניקן און פארשקלאפן דעם שוואכערן און ערלעכערן פון זיך!

און אויב זי וועט דאס טאקע אזוי טאן, דאן וועט זי אין איר אייביקן זכרון און הארץ אריינגעמען דעם אנדענק פון די אומגעבראכטע;

זי וועט די טעג פון זייער אומקום מאכן פאַר די הייליק־כטע טעג פון טיפער תשובה און אויפריכטיקער חרטה.

דעמלט וועלן די זעקס מיליאָן קרבנות ווערן דער אָנזאָג פון אַ נייער תקופה און גערעכטיקייט, פון אַ נייער געלייטער־כער און זינדלאָזער מענטשהייט!

גייסטיקער ווידערשטאַנד

קאַפּיטל 15

לאָמיר אין דעם קאַפּיטל געבן אַ געשטאַלט די אַ זעלישע גרונט־שטימונגען, וואָס האָבן געלעבט אינעם ווילנער געטאָ־קבוצן נישט געקוקט אויף דער טענדענציעזער גענס־פּראָפּאַגאַנדע. דערמיט זאָלן אויך פאַרענטפערט ווערן די שווערע, עקבערנדיקע פראַגעס, וואָס מאַטערן באַדייטנדיקע טיילן פון דער נאָכמלחמהדיקער יידישער געזעלשאַפט: וואָס איז געווען דער גייסטיקער אויסדרוק פון די מענטשן פנים אל פנים מיט טויט? צי האָבן טאַקע אַלע אַזוי ווילנלאָז און פּאַסיוו אדורכגעמאַכט די געטאָ־תקופה, כדי פונקט אַזוי ווילנלאָז און פאַסיוו געפירט צו ווערן צו דער שחיטה?

דער גייסטיקער אויסדרוק פון די מענטשן... ער איז פאַריערעם זובעריש, מיטפילנדיק אויג געווען אַזוי קלאָר ווי ס'איז בולט געווען דער טיפער, צערפולער בליק, זייערער און די פון שווערע לײדן איינגעבויגענע רוקנס. ער איז אפילו געווען נאָך מער בולט ווי דער באַרימטער געוואָרענער מוט פון די פיזישע ווידערשטענדלער, וועגן וועלכע מיר וועלן ווייטער רעדן. ער איז געווען אין זיי פאַרבאָרגן, ווי גאָלד־אַרץ אונטער דיקע, געדיכטע ערד־שיכטן, און — באותו זמן — העל ארויסגעליכטן פון זייערע מעשים און התנהגות ווי די שטראַלן פון דער זון. געוועגדט געהיצט אינעם קוקער, געוועגדט געווען אינעם

זעער! דער וואָס איז אַליין געווען דערדריקט און געבויגן פון דער גרויסער לאַסט פון די צרות; דער וואָס איז מחמת דעם אומגליק געוואָרן אַ מת נאָך ביים לעבן — דער האָט ממילא אין דער גאַנצער מאַסע ליידנדיקע געזען בלויז איין פאַרגליווערטן, ווילנלאָזן, פּאַסיוון אָרגאַניזם, וואָס דערנענטערט זיך טריט ביי טריט צום טויט... דער אָבער, וואָס האָט באַוויזן איינצוהאַלטן אין זיך כאָטש איין פונק פון דער פריערדיקער, גייסטיקער אַקטיוויטעט, פון דעם נאַטירלעכן, פּסיכישן אינטערעס פאַר די איבערלעבונגען פונעם כלל, — פאַר דעם האָט זיך געמוזט אַנטפּלעקן אָט די נייע איבעראַשנדיקע וועלט, די טיפע נשמה־וועלט פון אָן עדה צום טויט פאַרמשפּטע, אומשולדיקע מענטשן.

ווי אַנדערש איז דאָס לעבן און דער טויט פון אָט די מענטשן געווען פון די באַרימטע קדוש־השם־תקופות אין דער יידישער געשיכטע. ווי אַנדערש סיי אין אידעיש, סיי אין פּסיכאָלאָגישן זין! דעמלט האָט איין גרויסער אמונה־פּרינציפּ — דער פּרינציפּ פון „אחד" — אויפגעוועקט ביי גאַנצע קהלות אַ מעכטיקן זעלבסט־אָפּפערונג־געפיל. נישט יחידים, נאָר גאַנצע קאָלעקטיוון זענען געווען אַדורכגעדרונגען מיט איין און דער זעלביקער גרייטקייט: מקריב זיין זיך פאַר דער רעליגיעזער אידעע. אין אונדזער צייט אָבער, ווען דער יידישער כלל איז באַשטאַנען פון אַ ריי שיכטן און יחידים־אינדיווידואַליטעטן, וואָס יעדער פון זיי האָט געהאַט זיין אייגענעם אידעישן וועלט־בליק און גנעזעלשאַפטלעכן אני מאמין; ווען דער שונא האָט פּראָקלאַמירט די אויסראָטונג פון דעם יידן נישט ווי אַ טרעגער פון אַ באַשטימטער, רעליגיעזער אידעע, נאָר דעם יידן ווי אַ מענטשלעך־ביאָלאָגיש וועזן, — אין אונדזער צייט

האָט דער אַלטער, פון דורות איינזייטיקער קדוש־השם־מאָמענט געקראָגן נייע אינהאַלטן און נייע פאָרמען.

און זאָלן טאַקע דאָ אויף דעם אָרט אַרויסגעהויבן ווערן אַט די אַלע התגלותן פון דעם איינגאַרטיקן קדוש־השם אין די געטאָס, וואָס זענען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם מאָדערנעם יידישן לעבנס־געפיל. זאָלן זיי אַרויסגעהויבן ווערן ווי אומדערשיטערלעכע באַווייזן, אַז דעם שונאס כוונה — אויסצולייזיקן פון יעדן כבוד־געפיל זיינע קרבנות — איז צעשמעטערט געוואָרן אינעם האַרטן פעלדז פון דעם יידישן גייסטיקן ווידערשטאַנד.

קודם־כל זאָל געזאָגט ווערן נאָך אַ פּאָר ווערטער וועגן דער קולטור־טעטיקייט, וועגן דעם ווונדערלעכן געוועב פון גייסטיקער אַרבעט, וואָס די מענטשן האָבן געטאָן ביז די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן. אין די פריקע קאַפּיטלען האָבן מיר געזאָגט, אַז זיי זענען נישט כאַראַקטעריסטיש פאַרן ווילנער געטאָ. דאָס איז טאַקע אמת. פאַרן געטאָ — פאַרן אָפּגעשלאָסענעם קוואַרטאַל פון פּיין — איז כאַראַקטעריסטיש די בייטש, די גענס־תפיסה און די גענס־אידעאָלאָגיע. זיי זענען אָבער דערפאַר אַ סימן מובהק פונעם שאַפונגס־אימפּולס פונעם ווילנער געטאָ־צבור. זיי זענען סימנים פון דער האַרטער, גייסטיקער עקשנות, פון אָט דעם אייביק ברענענדיקן דאָרן, וואָס פלאַקערט אפילו דעמאָלט, ווען ריזיקע אייז־קריעס ווילן דערשטיקן זיין פייער. די אַמאָליקע יידישע דורות האָבן זיך אַריינגעוועבט אין דער אומשטערבלעכקייט דורכן קדוש־השם פון דער רעליגיעזער אידעע, דער היינטיקער דור — דורכן קדוש־השם פון דער גייסטיקער טאַט.

בחיל ורעדה זאָלן ווייטער דערמאָנט ווערן די טויזנטער

קרבנות פון ווילנער רייניקונגס־אקציעס, די מארטירער פון טראָק, לאנדוואראָוו, ראַדזשישקי, אוראַני, די צענדליקער קהלות אין ליטע און אין פוילן, וואָס זענען געגאַנגען צום טויט מיט פאַר־ביסענע ליפּן, אין טיפן שווייגן. די גויאישע שכנים, וואָס האָבן זיך צוגעקוקט צו אַזעלכע טויט־פּראָצעסיעס, פלעגן שפּעטער — ווי אויבן דערציילט — פול שרעק אויסדרוקן זייער פאַר־ווונדערונג צוליב דער אומהיימלעכער שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין די מחנות. אפילו פרויען און קינדער האָבן נישט אַרויסגעלאָזט קיין געוויין, קיין קלאַנג פון מויל. דאָס וואָס איז די קריסטן שווער געווען צו פאַרשטיין, דאָס זאָלן און דאַרפן מיר יידן משיג זיין. נישט קיין ווילנלאָזע, פּאַסיווע מאַסע איז געגאַנגען צום טויט, נאָר אַ פאָלק, וואָס האָט זיין מענטשלעכן „איך", זיין אינערלעכן שטאָלץ, טייערער געהאַל־טן פון אַט דעם אומווירדיקן לעבן, וואָס די מערדער האָבן פאַר אים געשאָפן. די יידישע מאַסע האָט געוואָלט שטאַרבן — יאָ! — האָט בפירוש נישט געוואָלט לעבן אין אַ וועלט, וואָס איז פול געוואָרן מיט הוילע תלינים. די טויזנטער יידן, וואָס האָבן קיין קרעבץ פאַרן טויט נישט אַרויסגעלאָזט, וואָס האָבן זיך אויפן וועג צום קבר נישט געוואָרפן אויף די דייטשע וועכטער, האָבן עס נישט געטאָן נישט דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען פאַ־סיוו, נאָר דערפאַר ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט קעמפן פאַר אַזאַ לעבן, ווי ס'הערשט אומבאַשרענקט די חיה רעה... זיי האָ־בן מיט פאַרהאַלטענע ציין און פרייוויליקן טויט אויסגעדריקט זייער טיפסטע פאַראַכטונג צו דער מערדערישער וועלט, פון וועלכער זיי גייען אַוועק, און מיטגענומען מיט זיך אין קבר זיי־ער אייגענע, אייביקע יידישע אידעע פון לעבן...

פּונקט אַזוי האָבן מקדש־השם געווען די טויזנטער פאָלקס־

מענטשן אין ווילנער געטאָ, ווען ס'איז באַשערט געווען צו פאַרבלייבן ביז דער ליקווידאַציע: די פאַרפּייניקטע, אויסגעמאַטערטע יידן פון די ענגע געטאָ־געסלעך, וואָס פלעגן נאָכן שקלאַפישן ארבעטס־טאָג אין די בריגאַדעס קומען אויף די לעקציעס פון די קולטור־קרייזן; די צאַרטע, פון אינערלעכע ליידן מיט אַ זעלישער שיין באַשטראַלטע יידישע פרויען, וואָס פלעגן מיט טיפער בעקשאַפט אין די בליקן שטיין ביי די פאַרקלעבטע פענסטערלעך,*) וואָס אויף דער אַרישער זייט אַרויס, און איינזאַם פון זיך אַרויסברומען אַ טרויעריקן ניגון; די אויסגעדאַרטע, בלאַסע קינדערלעך, וואָס פלעגן מיט שאַרפער אַנונג פון טויט אין די אויגן מיט שטילער רעזיגנאַציע צוגרייטן די לעקציעס פאַר דער שול... ווער וועט וואַגן צו זאָגן, אַז אָט די ריינע, הייליקע רגעס, וואָס דאָס פאָלק האָט אָפּגעריסן פונעם נאָענטן טויט, זענען נישט קיין טיף אויפטרייסלענדיקער זעלישער פּראָטעסט פון אַזאַ קראַפט, וואָס שטייט נישט אָפּ אויף קיין האָר פון דער גאַנצער קדוש־השם־קייט אין אונדזער געשיכטע?

אַזוי האָט אויסגעזען דער גייסטיקער ווידערשטאַנד פונעם כלל. אָבער אויך יחידים האָבן אים אַרויסגעוויזן, און — יעדער אויף זיין אופן — האָט די קאָשמאַרע ווירקלעכקייט אָפּגעוואָרפן, פאַרניינט, ביז ער האָט ענדגילטיק זיך אָפּגעשיידט פון איר.

עס האָבן אָפּגעוואָרפן די גרוילע ווירקלעכקייט אַזעלכע

*) די פענסטער פון די יידישע וווינונגען אין געטאָ, וואָס זענען אַרויסגעגאַנגען אויף דער קריסטלעכער זייט, האָבן אויף דער דייטשער פאַראָרדענונג געמוזט זיין פאַרקלעבט.

מענטשן ווי דר׳ ליבער, דער לערער שלמה מאָרגנשטערן, מירע בערנשטיין, רחלע ברוידע און אַ סך, אַ סך אַנדערע. זיי האָבן זי אָפּגעוואָרפן נאָך ביי זייער לעבן, אַריינציענדיק און פאַרשליסנדיק זיך אין זיך זעלבסט. זיי האָבן זי אָפּגעוואָרפן דורך דעם, וואָס זיי האָבן געשטעלט אַ סוף־פּונקט צו זייער אייגן לעבן. דער סוף־פּונקט איז געווען דער טאָג, ווען די היטלעריסטן זענען אַריין קיין ווילנע. די ווייטערדיקע טעג האָבן געדאַרפט בלויז פאַרענדיקן זייער פריערדיקע, גלאַנצפולע עקזיסטענץ אויף אַ ווערדיקן אופן. ווייל וואָס האָט דען געשמעקט אין מאָרגנשטערנס אָפּשליסן זיך אין די אייגענע ד׳ אמות און אויסמיידן מענטשן? און וואָס פאַרא זין האָט געהאַט דאָס אויספירן זיך פון דר׳ ליבער, וואָס האָט אומגעדולדיק געציילט די טעג ווען דער טויט וועט קומען? און וואָס האָט באַדייט מירע בערנשטיינס קלעבן זיך צו די שול־קינדער און אונטערגיין מיט זיי? איז דאָס געווען יאוש? פאַסיווקייט? אַנטוישונג? ניין! עס איז געווען אין דעם די גרויסע, שטאָלצע באַיאָאונג פון אַ פאַרגאַנגענער וועלט, אין וועלכער זיי האָבן געהאַט זייער שיינעם, דערהויבענעם חלק; און עס איז געווען אין דעם דאָס זיס־ביטערע געפיל פון טראַציקייט, אַז אין אָט דער נייער, פינסטערער, פאַרברעכערישער וועלט וועלן זיי קיין אָנטייל נישט האָבן!

זאָל אויך דאָ נישט פאַרמיטן ווערן צו דערמאַנען די מענטשן פון די „פרייע שריפטן”. זיי וואָס האָבן ביזן לעצט אָטעם־צוג היים און ליידנשאַפטלעך געקעמפט פאַר די העכסטע מאָראַלישע פרינציפן פון לעבן; זיי וואָס האָבן דעם גאַנצן געמאָ געוואָלט זען געהייליקט, אַריינגיסנדיק זיך אינעם ניטזיין; זיי וואָס האָבן דעם דערהויבנסטן זין פון דער מענטשלעכער

עקזיסטענץ געווען נישט אינעם לאַנגן לעבן און נישט אינעם נאָענטן שטאַרבן, נאָר בלויז אין די ביזן סאַמע סוף זיך אַנט־פּלעקנדיקע כוחות פון גייסט און נשמה־שיינקייט, — זיי האָבן זייער אייגענעם זוניקן טאָן בייגעטראָגן צו דער בונטער גאַמע פון גייסטיקן ווידערשטאַנד אין דער געטאָ־צייט.

גאָט-זוכעניש

16

צום געביט פון גייסטיקן ווידערשטאנד געהערן אויך די רעליגיעזע פאַרטיפונג און מיסטישע זוכענישן, וואָס האָבן ארומגעכאַפּט פאַרשידענע שיכטן און יחידים אין דער געטאָ־תקופה. זיי געהערן צום „גייסטיקן ווידערשטאנד", ווייל דער הייסער גאָט־געפיל, וואָס האָט אין יענער צייט גענומען גליען אין די מענטשן, האָט נישט בלויז געלייטערט און רייכער גע־מאַכט זייער אינערלעכע וועלט, נאָר אויך זיי פּסיכיש געקרעפ־טיקט און געהאָלפן גרינגער אריבערצוטראָגן דעם גרויסן אומ־גליק.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש און ס'איז נייטיק דאָ אונטערצו־שטרייכן, אז דער קעגן־פּאָליוס פון גאָט־זוכעניש — גאָט־לעסטערונג אָדער כפירה — איז כמעט נישט געווען צו באַמער־קן אין די יידיש־געזעלשאַפטלעכע סביבות. אלנפאלס דעם מחבר פון די שורות איז נישט אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט דער אַ דערשיינונג, וואָס וואָלט דוכט זיך געווען אַ נאַטיר־לעכע רעאַקציע און נשמה־פּראָטעסט פון די גלויביקע און אומ־גלויביקע פאַרפייניקטע מאַסן קעגן דעם אומזין פון זייערע נישט פאַרדינטע יסורים. סיי אין געטאָ סיי אין די אַרבעטס־לאַגערן איז דווקא געקומען צום אויסדרוק אַ פאַרקערטע טענ־דענץ — אַ טענדענץ פון מפשפש במעשים זיין און תשובה טאָן. און דאָס אפילו אין אַזעלכע קרייזן, וואָס זענען לויט

ווייער אידעאָלאָגיע און דערציונג געווען ביז דער מלחמה הימל־ווייט פון א רעליגיעזן וועלט־באַנעם.

וווּ ליגט די סיבה פון אָט דעם מערקווירדיקן צוריקקער צו די סאַמע ערשטע אמונה־קוואַלן פון יידנטום? פון וואַנען נעמט זיך, וואָס אין א יום כפור פון יאָר 1941 זיצן עטלעכע און פופציק ווילנער יידן (צווישן זיי די גוטבאַקאַנטע לאַנגיאָריקע קאָמוניסטן גערמאַניסקי פון קאָוונע, משה לערער און אַנדערע פריידענקער) אינעם ארבעטס־לאַגער „זאַטראַטשע" פאַרטאָן אין א התלהבותדיקער תפילה, זאָגן אַלע במזומן נאָך וואָרט ביי וואָרט דעם חזן, וואָס האָט פון ערגעצווו ארויסבאַקומען דעם איינאַונאיינציקן מחזור, און ווילן דערביי נישט געדענקען, אַז איין קילאָמעטער פון דאַנען גרייט דער ליטווישער עקזעקוציע־באַטאַליאָן צו זייער אויסראָטונג און די אויסראָטונג פון דער גאַנצער טראָקער געגנט?

איז דאָס טרייסט־זוכונג? זעלבסט פאַרגעסונג? צי גאָר טיפער אור־יידישער חשבון־הנפש פאַרן טויט?

פון וואַנעט נעמט זיך, וואָס דער סטאָליאַר־ארבעטער לעדערמאַן, א דערצויגענער אין סאָציאַליסטישע און פראָפעסיאָנעלע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, שאַפט זיך איין א סידור, און אין די פרייע מינוטן פאַר דער אַרבעט און נאָך איר — זעצט ער זיך אַוועק אין א ווינקל און מיט דער סאַמע רירנדיקסטער שטים זאָגט ער — נייִן! — וויינט ער האַרציק ארויס פון דאָרט קאַפּיטלעך תהילים?

און מיט וואָס דערקלערט זיך, וואָס אומקערנדיק זיך פון ווילנער געטאָ, געפינט דער בונדיסט יאָסל בלאַנדער לעבן די חרובע יידישע הייזער אין לאַנדוואַראָוו אַן אָראָפּגעריסן מזוזה־

לע, ברענגט עס אין לאַגער אַריין און, באַווײַזנדיק עם די חברים, באַגיסט ער זיך דערבײַ מיט הייסע טרערן?

און מיט וואָס דערקלערט זיך, וואָס א פּשוטער בחור, א שאָפער לויטן פאַך, פון תמיד אויף ווייט און פרעמד פון ייִדיש־קייט, ווערט מיטאַמאָל פרום און צוריקגעצויגן אין זיך, הייבט אָן אין סאַמע הויכפּונקט פון די דײַטשע נצחונות צו מאַכן בגימטריות און נוטריקונס וועגן היטלערס גיכער מפּלה און ייִדישער באַפרײַאונג?

און מיט וואָס קען מען פאַרשטיין די שטילע אָבער אינ־טימע צוגעבונדנקייט פון פאַרשידענע ווילנער ייִדן צו זייערע רעליגיעזע אינסטיטוציעס און בתי־תפילות, וועלכע זיי האָבן גע־פּלעגט און באַזוכט נישט בלויז בעתן געטאָ, נאָר אויך שוין נאָך דער באַפרײַאונג, ווען פונעם גאַנצן 70 טויזנט קעפּיקן קיבוץ זענען געבליבן בלויז געציילטע, געראַטעוועטע שאָטנס פון מענטשן?

און ווי אַזוי קען מען פאַרשטיין, וואָס א פּראָגרעסיווער ווילנער ייִד — יאָרנלאַנג אַרעליגיעז — וואַנדערט נאָך דער ליק־ווידאַציע פון געטאָ אַרום אָן דער געלער לאַטע אין דער פּראָ־ווינץ, דערגייט ביז סווענציאַן, און אין מיטן העלן טאָג גנבעט ער זיך אַרײַן אין דער חרובער ייִדישער שול און, אָנשפּאַרנדיק זיך אין באַלעמער, צעוויינט ער זיך ווי א פּיצל קינד?

און פון וואַנען נעמט זיך אָט דער מוט און אײַפער פון א מקנא קנאת הד׳ צבאות פונעם אײַנציקן לעבן געבליבענעם יונגן רב פון שניפּעשאָק, וואָס אַרויסקומענדיק פון זײַן באַ־העלטעניש — א טאָג נאָך דער באַפרײַאונג — האָט ער אויס־געשריען: „דאָס אַלץ איז אונדז געקומען פאַר אונדזערע גרויסע זינד!...״

זאָל דערווייל זיין געגנוג מיט די פאַקטן. דאָס ביסל וואָס איז דאָ געבראַכט געוואָרן איז שוין פאַר זיך אַליין אַ געגוגנדיקער עדות, אַז די צאַרטע אַטמאָספער פון אַן אמונה־בענקשאַפט האָט אויך נישט אויסגעמיטן אַפילו די גרופּעס, וואָס האָבן בטבע געשטעקט גאָר אין אַן אַנדערער געפילס־וועלט. זי האָט זיך צעשפּראָצט צווישן זיי ווי אַ העכערע באַדערפעניש, וואָס די קרבנות האָבן דערשפּירט אין זיך, ווען אַלע אַמאָליקע פּסיכישע דערנערונגס־מיטלען האָבן געגומען איינדאַרן. נאָכדעם ווי דער פריערדיקער גלויבן אינעם מענטש אָדער אין דער היסטאָרישער גערעכטיקייט איז דורך די צרות באַדייטנדיק אונטערגעשוואָנקען געוואָרן האָט געמוזט אויפקומען עפּעס אַנדערש, וואָס זאָל אונטערהאַלטן די אויסגייענדיקע כוחות. און דער „עפּעס" איז ביי אַ סך געווען די אַלטע אָבער אייביק אַפּרישנדיקע, אייביק דערמונטערנדיקע גלויבנס־מקורות פונעם פאָלק.

אָבער דאָס אַליין וואָלט נאָך באַין אופן נישט דערקלערט דעם וווּנדער פון בענקשאַפט און גאָט־זוכעניש, וואָס איז אַריינגעדרונגען אַפילו אין דער מסיבה פון לאַנגיאָריקע כופרים, אויב מען וואָלט נישט גענומען אין אכט דעם ספּעציפישן צושטאַנד פון מענטשן, וואָס זענען מיטאַמאָל אויסגעוואָרצלט געוואָרן פון זייער גייסטיקן און פיזישן באָדן. זיי האָבן זיך דערשפּירט בבחינת „תולה ארץ על בלימה". נישט בלויז זיי אַליין, נאָר אויך זייערע משפּחות און דאָס גאַנצע פאָלק זענען פאַרמשפּט צו אַ גרויזאַמען, מאַרטירערישן טויט, בעת דאָס לעבן און די גאַנצע פּראַכט פון לעבן בלייבן איבער בלויז פאַר די שרעקלעכע רוצחים. און וווּהין גייט מען עס? צו יענעם אומבאַוווּסטן און אומבאַקאַנטן, וואָס מען האָט נאָך פון פריער מיט לייכטער זעלבסטזיכערקייט אויסגעלײדיקט פון יעדן זין

און אינהאַלט. ס׳האָט זיך געשאַפן יענער טיפער ריס אין די הערצער, — וואָס האָבן היים געגאַרט צו אַ געוויסער גאַנצקייט און צוועק פון זייער איצטיקער ליידנספולער עקזיסטענץ, — וועלכער איז נאָך ווייטיקלעכער געווען ווי די אַנונג פונעם נאָענטן סוף... יענער ריס האָט עס שאַרף און אומברחמנות־דיק אונטערגעזאָגט, אַז אויב דער „זיין" און דער „נישט זיין" באַשטייען בלויז פון שלעכטס און צוועקלאָזיקייט, דאַן דאַרף מען נישט בלויז אויסשטרייכן פונעם באַוווסטזיין דעם היינט און די צוקונפט, נאָר מען דאַרף איינפאַך באַטראַכטן די גאַנצע פריערדיקע פרייע און זעלבסטשטענדיקע פאַרגאַנגענהייט פון יעדן יידישן יחיד און פון פאָלק פאַר עפּעס אַן אומפאַרשטענד־לעכן טעות, פאַר אַ מאָדנעם אומהיימלעכן שפּאַס פון שטן... דער דאָזיקער ביטערער, דערדריקנדיקער געפיל פון זינלאָזיקייט און אומזיסטיקייט פון אַלץ וואָס „ביז איצט" און פון דעם אַלעמען וואָס „פון איצט" איז בכוח געווען צו דערפירן די מאַרטירער צו אַ מצב פון פולשטענדיקער וועלט־ און פאָלקס־נעגאַציע. וואָלט דער דאָזיקער געפיל געוואָרן דער דאָמינירנ־דיקער, וואָלט ער געקענט ברענגען צו די פאַטאַלסטע רעזול־טאַטן. צום גליק האָט דער געזונטער אינסטינקט פון דער מאַסע אויסגעפינען אין זיך די רעטנדיקע קעגן־כוחות, וואָס מיר האָבן נאָך פריער באַצייכנט ווי אַ גייסטיקער ווידערשטאַנד. צו אָט די רעטנדיקע ווידערשטאַנד־כוחות האָט אויך געהערט דאָס צוריקבאַקערן זיך צו דער אוניווערסאַלער גאָט־עקזיסטענץ. דאָס דאָזיקע צוריקבאַקערן זיך האָט נישט בלויז געהיילט יע־נעם פאַטאַלן נשמה־ריס, וואָס די ווירקלעכקייט האָט געמאַכט, נאָר האָט אויך ווידעראויפגעריכט דעם גאַנצקייט־חוש און געשטילט די טיפע באַדערפעניש נאָך אַ העכערן, איידעלערן

צוועק, וואָס שטייט איבערן גהינום פון ליידן און טויט.

ואחרון אחרון — די זיך צעוואַקסנדיקע ליבשאַפט און מיטגעפיל צו די מיטליידנדיקע, ווי אַ סיבה פון דער רעליגיעזער זוכעניש. אויב אין געוויסע יידן האָט דער צעשטערערישער היטלער־מאָנסטער אויפגעוועקט דעם געפיל פון אָפּטריניקייט און אפילו פון אחריותלאָזיקייט, האָט ער, פאַרקערט, אין דער מערהייט פאַרשטאַרקט דעם זין פאַר סאָלידאַרישקייט און מיטפאַראַנטוואָרטלעכקייט. דער דאָזיקער זין פאַר סאָלידאַרישקייט האָט זיך אויך אויסגעדרוקט אין אַ סענטימענטאַלן באַהעפטן זיך מיט די אורשפּרינגלעכע רעליגיעזע אוצרות. דאָס האָט נאָר די אומגעווינלעכע שוידערלעכע ווירקלעכקייט געקענט דערברענגען, אַז אידעאָלאָגיש זיך פרעמדע, טיילווייז זיך באַקעמפנדיקע מאַרטירער־גרופּעס זאָלן זיך נעמען טוליען איינע צו דער אנדערער, אנטפּלעקנדיק דערביי די סאַמע דעליקאַטסטע אכטונג און ליבשאַפט פאַרן נאַציאָנאַלן קולט און שטייגער. און דאָס האָט נאָר זי גורם געווען, אַז מענטשן, באַרויבטע פון יעדער רעכט און חשיבות, זאָלן דאָרשטיקע צופאַלן צום קוואַל פונעם פאָלקס הייליקייטן און פון דאָרט שעפּן פאַר זיך פרישע כוחות פון מוט און טרייסט.

דאָס קינד פון געטאָ

קאַפּיטל 17

עס וואָלט געווען פאַלש צו מיינען, אַז די געטאָ־קינדער — די וואָס האָבן צוליב זייער יונגקייט און אומדערפאַרנקייט נאָך ווייטיקלעכער און עמפּפינדלעכער פון די עלטערע אויפגענומען דעם שוידערלעכן אומגליק — זענען נישט געווען מסוגל צו געבן אַ גייסטיקן ווידערשטאַנד. אויב דאָס איז אין אַ געוויסן זין אמת לגבי קינדער ביז אַכט אָדער צען יאָר, קען מען דאָס אָבער נישט זאָגן בנוגע די וואָס פון צען יאָר און ווייטער. די אומאויפהערלעכע צרות האָבן זיי גיך רייף געמאַכט און אַרויפגעלייגט אויף זייערע אויסגעמאָגערטע, בלאַסע פּנימלעך דעם טיף טראַגישן ערנסט פון די דערוואַקסענע. אין דעם שטילן, רעזיגנירטן בליק פון זייערע אויגן האָט זיך געשפּיגלט אַזאַ איבערערדישע חכמה, אַזאַ איבערמענטשלעכע ווייזהייט פון ליידן און איבערלעבונגען, אַז ס'האָט זיך געדוכט, דאָס זיי דאַרשטן וואָס גרינטלעכער אריינצושלינגען אַלע מעגלעכע ווייטערדיקע נסיונות, כדי שוין מער פון קיין זאַך נישט איבערראַשט צו ווערן. אוודאי האָבן זיי נישט געקענט אויסהעמערן פון זיך די זעלבע ווידערשטאַנד־כוחות, וואָס די עלטערע; אוודאי האָבן זיי נישט געקענט זיך פאַרפאַנצערן קעגן דער דערדריקנדיקער ווירקלעכקייט מיט אַן אויפבליצנדיקער זעלבסט־חשיבות אָדער מיט געהיים אדורבגעטראַכטע נקמה־אַקטן. זיי האָבן אָבער דערפאַר אַרויסגעשטעלט זייער אייגן זעליש געווער

— צוגעפאסט צו זייער מענטאליטעט און יוגנטלעכקייט, — וואס האט זיי פולשטענדיק אויסגעהיט פון פסיכישער שפלות אין אנבליק פון די געשעענישן. דאס איז געווען נישט ווירדע, נישט יאוש און נישט נקמה. דאס איז געווען אן אייגנארטיקער גייסטיקער זעלבסטשוץ פונעם געטא־קינד: בטחון!

⁂

אין טראקער שפיטאל ביינאכט. כ׳ליג אין פאלאטע לעבן א 10־יעריק יידיש יינגעלע מיטן נאמען מיכאל. ער האט זיך מיט צוויי הדשים צוריק געשפילט מיט די חברים אויפן פעלד און מאניפולירט מיט א געפונענעם גראנאט. דער גראנאט האט אויפגעריסן און אים אראפגעשאסן די רעכטע האנט. מען האט אים געבראכט קיין טראק, און דאס האט אים געראטעוועט פון דער שחיטה. בעת די יידן פון זיין שטעטעלע ראדזשיקי זענען אומגעבראכט געווארן, איז די ליטווישע פאליציי געקומען אים נעמען. דער שפיטאל־הויפט, דר. קראסניק האט זיי פעסט געזאגט:

— ניין! אין אזא צושטאנד האב איך נישט קיין רעכט אים ארויסצוגעבן. ער מוז זיך פריער אויסהיילן...

מיכאל איז צייטווייליק געבליבן. בינו לבינו האט אים דער שפיטאל־גלח אפגעשמדט, איבערגעדרייט זיין נאמען פון מיכאל אויף „מיכאל״, און גענומען זארגן וואס גיכער אים אפצושטאטן קיין ווילנע אין א קריסטלעך יתומים־הויז. ער איז געלעגן לעבן מיר און מיר דערציילט די מעשה מיטן גראנאט. מיטאמאל האט ער זיך עפעס דערמאנט, איז אראפגעשפרונגען פון בעט און, שטעלנדיק זיך אויף די קני, גענומען מיט דער לינקער האנט זיך צלמען פאר דער קריסטוס־פיגור אויף דער וואנט.

— מיכאל, — האב איך אים שטילערהייט געפרעגט, ווען

די שכנים אַרום זענען שוין איינגעשלאָפן — זאָג דו מיר, וואָס ביסטו? אַ יידיש יינגעלע, צי אַ קריסט?...

— איר זעט דאָך, איצט בין איך אַ קריסט...

— וואָס הייסט „איצט"?

— כ'מוז איצט זיין אַ קריסט ביז די דייטשן וועלן אַוועק...

דער גלח האָט מיר אָנגעזאָגט, אז כ'זאָל זיך גוט צלמען פאַר אַלעמען אין די אויגן, כדי ס'זאָל קיינעם גאָרנישט איינפאַלן.

— וואָס זשע, האָסטו שוין פאַרגעסן אָן דיינע עלטערן?...

— האָב איך אומבאַהאָלפן, אליין נישט וויסנדיק צי כ'דאַרף באַרירן זיין יידישקייט-געפיל, אַרויסגעפּליסטערט.

ער האָט זיך פאַרקלערט. אויף זיין פּולבלעך, עטוואָס פאַררויטלט פּנימל האָט זיך באַוויזן אַ שולדיקע מינע. ענד-לעך האָט ער ברוגזלעך אַרויסגעשטאַמלט, אַוועקביינגנדיק פון מיר דעם קאָפּ:

—מיין טאַטע און מאַמע לעבן דאָך שוין נישט...

—דערפאַר?

— איז וואָס זאָל איך טאָן? ווו זאָל איך גיין? דער דאָק-טאָר איז אַזאַ גוטער מענטש... אַלע אין שפּיטאָל ווילן מיר העלפן.

מיר האָבן ביידע אַ שטיקל צייט געשוויגן. אָבער עפּעס. זעט אויס, האָט אים פאַרט באַאומרואיקט. וויל ער האָט זיך פּלוצים געטאָן אַ דריי אויס און מיר אַ שעפּטשע געטאָן:

— אָבער כ'זאָג שטענדיק די יידישע תפילה אויך... — און אויסשפּירנדיק צי קיינער הערט נישט, האָט ער אָנגעהויבן: אל מלך נאמן שמע ישראל...

ער האָט געזאָגט די ווערטער, לוקנדיק אויף מיר מיט זואַרעמען צוטרוי און מיט אַ שטילן בלישטש אין די אויגן. מער

האָבן מיר שוין וועגן דעם נישט גערעדט. אָבער אינעם גלאַנציקן בליק זיינעם, וואָס ער האָט געוואָרפן אויף מיר, לייענענדיק „קריאת שמע", האָב איך דערפילט, אז ער איז ווייטער דאָס וואָס ער איז אַמאָל געווען און אז דאָס יידישע אין אים איז נאָך דורך גאָרנישט באַזיגט געוואָרן...

⁂

איבער דער רודניצקע־גאַס — נישט ווייט פון יידנראַט — שלעפּן עטלעכע 13־14 יעריקע יינגלעך אָן אָנגעלאָדענע טאַטשקעס. זיי געהערן צו דער אינעווייניקסטער יוגנט־בריגאַדע, וואָס פילט אויס אין געטאָ פאַרשידענע הילפס־אַרבעטן. זיי טוען דאָס מיט אַ באַזונדערער ענערגיע און פּינקטלעכקייט, ווי זיי וואָלטן וועלן ווייזן, אז זיי שטייען לחלוטין נישט אָפּ פון די גרויסע אינעם אויספירן די אַרבעטס־פליכטן, וואָס זענען אויף אַלעמען ארויפגעוואָרפן געוואָרן. דערביי האָבן זיי דעם געפיל, אז זיי העלפן מיט מיט עפּעס זייערע צעקאַליעטשעטע משפחות, פון וועלכע אַ סך מיטגלידער זענען שוין אומברחמ־נותדיק פאַרשניטן געוואָרן. עס קימערט זיי לחלוטין נישט — אָדער אפשר אנען זיי דאָס נישט — וואָס לויט זייער עלטער פאָרדינען זיי נאָך צו זיין אונטער עמעצנס וואַרעמען שוץ און השגחה. זיי שלעפּן מיט אַלע כוחות די טאַטשקע און פאַר־לערעווענדיק זיך ראש אין אַ זייטיק געסל שטעלן זיי זיך אָפּ ביי אַ טויער.

—קינדער, ס'איז דאָך שוין אָוונט, ווי לאַנג אַרבעט איר עס אַזוי?

— מיר האָבן נאָך איין שעה צו אַרבעטן און — אַהיים!

— „אַהיים" — רופט זיך אָפּ סאַרקאַסטיש אַ צווייט יינגל —וואַלגערן זיך אין אַ ווינקל איז ביי אים „אַהיים".

— ווּעסט שוין לאַנג זיך נישט דאַרפן וואַלגערן... כ'האָב

אליין געהערט פון מיין טאַטן, אַז די רוסן דערנענטערן זיך. זאָגט! אמת, אַז די דייטשן האָבן מפּלות?

— יאָ, ייִנגעלע, אמת...

—דו הערסט? איז געגומען זיך. וועסט זיך שוין לאַנג נישט וואַלגערן!...

⁂

כ'זיץ נאָכן אומקערן זיך פון שפּאַנישן לאַזאַרעט מיט מיין שכנטעס קליין מיידעלע אין אַ ווינקל פון דער אָנגעפּראַפּטער שטוב און העלף איר צוגרייטן די פאַרגעבענע לעקציעס פאַר דער שול. איין אויפגאַבע איז בערך אַזעלכע: וועלכע זענען דיינע שטאַרקסטע ווונטשן היינט צו טאָג. דאָס קינד זיצט אַ היפּשע ווײַלע פאַרטאָן אין העפט, דאַן באַווייזט זי מיר, וואָס זי האָט אָנגעשריבן. דאָס זענען געווען ווונטשן, אַז די דייטשן זאָלן וואָס גיכער אַוועקגיין, כדי די יידן זאָלן אַרוים פון געטאָ און זי זאָל זיך צוריקטרעפן מיטן טאַטן.

איר פאָטער איז נאָך פאַרן געטאָ פאַרנומען געוואָרן דורך די כאַפּאָנעס. אָבער דאָס קינד איז דאָך פול געווען מיט גלויבן און האָפענונג, אַז ער לעבט און זי וועט אים צוריקזען ווי נאָר דער קריג וועט זיך ענדיקן...

⁂

באַלד נאָך דער באַפרייאונג. כ'זיץ אין לאָקאַל פון יידישן קאָמיטעט אויף מיצקעוויטש־גאַס און רעגיסטריר די לעבן געבליבענע. אַ פּוילישער אַרבעטער האַלט ביי דער האַנט אַ יידיש מיידעלע און דערציילט:

— בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ האָב איך דאָס מיידעלע דערזען אויף שאָפּען־גאַס. אַ צום טויט דערשראָקענע, אַ צעטומלטע, איז זי געלאָפן און געזוכט אַן אָרט וווּ זיך צו באַהאַלטן. כ'האָב זי גענומען צו זיך אַהיים און אויסבאַהאַלטן ביז היינט. איצט וויל זי זיך פאַרבינדן מיט איר פעטער אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

—ווייסטו דעם אדרעס פון דיין פעטער? — פרעג איך דאָס מיידעלע.

זי האָט ארויסגעצויגן פון דער קעשענע א פארברודיקט פאפיר, אין וועלכן ס'איז געווען איינגעוויקלט א קאָנווערט מיטן אדרעס. כ'בין געוואר געוואָרן פון איר, אז נאָכדעם ווי די ליטווינער האָבן צוגענומען איר מוטער איז זי געבליבן איינע אליין. זי האָט דעם קאָנווערט גענומען מיט זיך, כדי באלד נאָכן געטא זיך צונויפשרייבן מיטן פעטער.

— האָסט די גאנצע צייט אים געהאלטן ביי זיך? — האָב איך געזאָגט א פארוואונדערטער.

— די גאנצע צייט... — האָט זי געענטפערט מיט א פרעגצייכן אין די אויגן, ווי זי וואָלט נישט פארשטאַנען, וואָס אזוינס איז דאָ דאָ זיך צו וואונדערן.

⁂

דאָס געטאָ־קינד האָט געגלויבט. עס האָט טיף געגלויבט אין א באפרייאונג, וואָס מוז קומען, נישט געקוקט אויף אלע אומגליקן. און דאָס איז געווען זיין גייסטיק געווער. און מחמת דעם וואָס עס איז נישט פארגיפטעט געווען פון צווייפל און יאוש ווי די דערוואקסענע, האָט עס מיט אן אייגנארטיקן העראיזם און סטאַישקייט געפרווט איבערווינדן די געשעענישן. דאָס איז נישט געווען קיין הערויזם, וואָס קומט פון איבערצייגונג אָדער פון איבערלעבונג. דאָס איז גיכער געווען אן אינעווייניקסטער געפיל פון זיכערקייט, אז פונקט אזוי אומגעריכט ווי דאָס שלעכטס איז געקומען, אזוי אומגעריכט וועט עס פארשווינדן ווערן.

ווילנער געשטאַלטן

קאַפּיטל 18

רעדנדיק וועגן יידישן גייסטיקן ווידערשטאַנד, זאָלן אויך צוגעוואָרפן ווערן אייניקע שטריכן צום זעלישן פּנים פון עט־לעכע ווילנער געשטאַלטן. די דאָזיקע מענטשן האָבן מיטגע־בראַכט מיט זיך אין געטאָ אָט די אומדערשיטערלעכע, עק־שנותדיקע איבערגעגעבנקייט צו זייער קולטור־טעטיקייט, אָט דעם אינעווייניקסטן האַרטן טראָץ אין זייער גראָדן גייסטיקן גאַנג, וואָס האָט אין די נייע שווידערלעכע באַדינגונגען אויפ־געלויכטן מיט אַ באַזונדערע טראַגישע ליכט: — די טראַגיש־איידעלע ליכט פון אַן אַרבעט, וואָס איז איצט אַ סך מער ווי אַרבעט, וואָס איז אין אָנבליק פון נאָענטן טויט געוואָרן אַן עבודת־הקודש.

זייער אַ סך פאַלן זענען דאָך אונדז באַקאַנט פון דער מיט בלוט און פייער אויסגעפּלאַסטערטער מענטשלעכער געשיכטע, ווען איינצלנע גרויסע יחידים האָבן אין די לעצטע מינוטן פון זייער לעבן אין אומגעבראָכענער, זעלישער רו מבטל געווען די שרעק פאַרן סודותדיקן טויט, דעם שאַרפן, מאַטערנדיקן געפיל פון אויפהערן זיין... אויספילן אָבער די דאָזיקע לעצטע מינוטן מיט אַ גייסטיק־געשפּאַנטער אַרבעט, באַהויכן און באַוואַרע־מען זי מיט אַ פון פאַרהוילענע, טיפע קוואַלן אַרויסגעוועבטער פיינלעכער גליקזעליקייט — דאָס איז אַ פיל פיל העכערע מדרגה.

די דאָזיקע מענטשן, וועלכע מיר וועלן דאָ אין קורצן שיל־דערן, האָבן די אַ פיינלעכע גליקזעליקייט אַרויסגעוועבט ראַשית־כל פון זייער גרויסער עניוות, וואָס איז געווען אַ תּוכיקער באַשטאַנד פון זייער נשמה. און אמתע עניוות הייסט: העכער פון ליידן און דערנידערונג שטייט די הייליקע, אַקטיווע פּעולה פון גייסט, די אומאויפהערלעכע געשפּאַנטקייט זיינע, וואָס וויל ביזן סוף זיך פאַרקערפּערן אין אַקטן און טאַטן פון קדושה. זיי האָבן זייער פיינלעכע גליקזעליקייט אַרויסגעוועבט פון זייער פאַרבאָרגענעם דאָרשט צו האַרמאָנישער, זעלישער רו און שטילקייט. און אמתע זעלישע רו הייסט: העכער פון לעבן און טויט שטייט אָט דער וווּנדערלעכער צושטאַנד פון דער נשמה, ווען די מסירת נפשדיקע, שעפערישע טעטיקייט ווערט אינם אייגענעם באַוווּסטזיין דערהויבן צו אַ חלק אלוקי ממעל... און זיי האָבן זייער פיינלעכע גליקזעליקייט אַרויסגעוועבט פון זייער גלויבן אינם גרויסן ווערט פון דער אייביקער שאַפונג. און גלויבן הייסט: העכער פון פיזישע יסורים און פיזישן אומקום שטייט דער פּלאַם פון פרייִדיקער יצירה, וואָס איז איבער דער שליטה פונם מענטשלעכן שלעכטס.

ווי זיי וואָלטן דערפילט די נישטיקייט פונם ערדישן זיין, האָט דערפאַר אין זייערע לעצטע רגעס נאָך העלער און קלאָרער אויפגעפלאַמט זייער לויטערער גייסט. ער האָט אויפגעפלאַמט און געלויכטן דורך זייער עניוות, דערוואָרבענער זעלישער רו און זייער אומדערשיטערלעכן גלויבן!...

⁂

עס טויכט פאַר מיר ראשית כל אויף די געשטאַלט פונם שטילן מענטשן און איבערגעגעבענעם פּעדאַגאָג, דעם היסטאָריקער ל. טורבאָוויטש.

די גרויסע געדולד אינם אופן פון דערציען זיינע תּלמידים, די הייסע ליבשאַפט צו דער יידישער פאָלקסשאַפונג, שפּראַך און קולטור, די האַרטע עקשנות און שטאַרקער ווילן אויסצופאָרמירן אַן אָריגינעלן, קערנדיקן, אינם פאָלקיש־גייסטיקן באָדן פאַרוואָרצלטן, יידיש־מענטשלעכן טיפּ, האָט ער איבערגעטראָגן פון דער באַרימטער ווילנער רעאַל־גימנאַזיע, וווּ ער איז געווען דירעקטאָר, אין דער 12־טער מיטל־שול אין די יאָרן 1940־41, און פון דאָרט אין געטאָ. דאָ — אין געטאָ — האָט ער באַוויזן אויסצושטראַלן פון זיך אָט די אינטימע וואַרעמקייט, וואָס איז נייטיק געווען, כּדי כאָטש טיילווייז צו היילן די טיפע ווונדן פון די נידערגעשלאָגענע, זעליש אויפגעטרעסלטע קינדער. מיט דער זעלבער וואַרעמקייט און זאָרג האָט ער אַרומגעהילט די געציילטע, צייטווייליק לעבנגעבליבענע לערער און דערציער, וואָס זענען אַרויס פון די לעבער, באַהעלטענישן און אַרבעטס־לאַגערן. ער האָט זיי אויפגעמונטערט מיט זיין טרייסטוואָרט און געשטאַרקט מיט זיין ביישפּיל, הגם טיף אין זיך האָט ער געשפּירט דעם גיך אָנקומענדיקן סוף... נישט וואַגן פאַר די קינדער אַרויסצוווייזן די מינדסטע געבראָכנקייט אָדער פאַרצווייפלונג! — אָט דאָס איז געווען זיין דערציונגס־לאָזונג אין געטאָ. וואָס מער אומגליק אין דרויסן, אַלץ מער גייסטיקע שטאַרקייט אין אָנבליק פון די קינדער. זיין פאַר זיי נישט בלויז לערער און מחנך, נאָר ווי וויט מעגלעך פאַרטרעטן פאַר זיי די פעלנדיקע, אָקערשט פאַרשניטענע עלטערן, ברידער און שוועסטער.

און דאָס לערנען גייט אָן ווייטער! עס מוז אָנגיין, אַפילו ווען דער המשך פונם יידישן פאָלקס־קיום וועט אַ ליאַדע טאָג ענדגילטיק איבערגעריסן ווערן. עס מוז אָנגיין דערפאַר, ווייל די־

שכטקייט פונם יידישן פענאָמענאַלן גייסט איז אונדז מחייב אים פּרוּוון אַריינוועבן אין די העכערע ספערעס פון דער אייביקייט — אין אָט די ספערעס, וואָס שטראָמען זייער אייביקן גאַנג איבערן ערדישן לעבן און טויט. ערגעצוווּ אויפן גרויזאַמען עדד־קיילעך וועלן זיך דאָך אפשר געפינען די פאַראייניצלטע נשמות, וואָס וועלן אויפכאַפּן דעם גייסטיקן פאָדעם פון די געמאָ־קינדער און אים ווייטער נעמען שפּינען. איז וואָס מסירת נפשדיקער און לויטערער ער וועט דאָ אין געטאָ ווערן געשפּינט, אַלץ הייסער, קרעפטיקער און עקשנותדיקער וועט ער איבערגענומען און ווייטער געשפּינען ווערן דורך די לעבנגעבליבענע.

אָט אַזוי האָט זיך דער שטילער, שווייגנדיקער ל. טורבאָוויטש איבערגעפּורעמט אין געטאָ אינם ציטערדיקן זאָרגער און פאַרזאָרגער פון הונדערטער דערשיטערטע, צעקאַליעטשעטע קינדער־נשמות. אויסערלעך — שטרענג, קיל און מאָנומענטאַליש רואיק, אינערלעך פול מיט אײדעלן טרויער און פאָטערלעך־אויפגערודערטער, האַרציקער וואַרעמקייט, האָט ער זיין פיינלעבע גליקזעליקייט געפינען אין דער דערהויבענער, טרייסטנדיקער אַרבעט און אינם ווילן צו דערגיין מיט די קינדער ביז דער ענדע. אויב זיי מוזן אומקומען, טאָ זאָל עס געשען מיטן יידישן וואָרט אין זייער מויל און מיט דער גרויסער פאָלקסבענקשאַפט צו מענטשלעכער געזעכטיקייט אין זייער האַרצן! אויב זיי דאַרפן נישט זיין, טאָ זאָל אינם דאָזיקן נישטזיין זיך אַריינרייסן דער נישט אויסגעלעבטער פלאַטער פון זייערע נשמהלעך און אויפקלינגען דאָרט ליכטיק, לויטער, ריין ווי דער צאַרטער פליגל־שאָרך פון הימלישע מלאכימלעך...

***

און אַט איז אַ צווייטע געשטאַלט: מירע בערנשטיין.

שווער צו געפונען די ווערטער, וואָס זאָלן גענוי איבערגעבן דעם זעלישן תמצית פון אָט דער ווּנדערלעכער פרוי פאַר דער מלחמה און בעיקר אין געטאָ. אפשר גרייט די השגחה באַצייטנס צו — אומדערוואַרט פאַר די אומגליקלעכע — דאָס אַ גרויסע פילבאַרע האַרץ, וואָס מאַכט, אַז די ליידן און יסורים זאָלן פאַרגיטיקט און געלינדערט ווערן דורך דער גרעסטער ליבשאַפט און דעם גרעסטן מיטגעפיל. אַ מענטש, וואָס ליידט בביזיון און באַוווסטזיניק מיט מיט די ליידן און יסורים פון אַנדערע; אַ מענטש, וואָס דערשטיקט אירע אייגענע, אומבאַשרייבלעך טיפע רעגונגען, כדי צו לאָזן איר נשמה פריי זיך אָנפילן מיטן ווייטיק און פיין פון די סאַמע קלענסטע און הילפלאָזסטע; אַ מענטש וואָס דערגייט אינם אייגענעם בטול היש צו דער מדרגה, ווען קינדער־שמאַרץ און קינדער־ווי ווערן אירע אינטימסטע שפּירונגען און איבערלעבונגען, — אַזאַ מענטש האָט געקענט אויפקומען נאָר אין די גרויליקע געטאָ־באַדינגונגען, ווען דאָס האַרץ ווערט אָדער אָפּגעטעמפּט, האַרט און אומצוטרעטלעך פאַרן צווייטן, אָדער פאַרקערט: עס ווערט אומגעווייןלעך שפּירעוודיק און צאַרט, ווי די דעליקאַטסטע מעמבראַנע...

אין געוויינלעכע נאָרמאַלע לעבנס־תנאים קען, פאַרשטייט זיך, קיין רייד נישט זיין, אַז די פּערזענלעכקייט פונם לערער זאָל זיך איינשרימפּן פּנים־אל־פּנים מיט דער קינדער־וועלט. אדרבה. די פריינדלעכקייט און געדולד לגבי די דערציִגלינגען מוז גיין האַנט־ביי־האַנט מיט אַ פעסטן כאַראַקטער און שטאַרקן פירער־ווילן. דער דערציער מוז דאַן פאַרמאָגן די אַ זעלישע עלאַסטישקייט, וואָס באַשטייט פון צוויי פּסיכישע

מעכאַניזמען: פאָדערונג און מיטגעפיל. אַנדערש איז אָבער אין אויסטערלישע, אומנאַטירלעכע לעבנס־לאַגעס. דעמאָלט איז נישט נאָר צוועקמעסיק, נאָר ממש נויטווענדיק, אַז דער פסיכישער עלעמענט „פאָדערונג" זאָל זיך מינימאַליזירן לטובת דעם צווייטן עלעמענט „מיטגעפיל". די פאָדערנדיקע לערער־פערזענלעכקייט מוז אויף אַזוי ווייט זיך איינשרימפּן, אַז ס'זאָל דאָמינירן אין איר אַ גאָר הויכער גראַד וואַרעמקייט און פאַרשטענדעניש פאַר די קינדער־נשמות. אין פאַרקערטן פאַל קען דאַן דאָס לערנען און דערציִען נישט האָבן קיין פּעולה.

מירע בערנשטיין האָט טאַקע געטראָגן אין זיך די וווּנדערבאַרע סגולה פון אַריינוואַקסן און אַריינפילן זיך אין די שווערע איבערלעבונגען פון אירע תלמידים. באַשאַנקען פון דער נאַטור מיט אַ גרויסן געפילס־קוואַל און טיפער פאַרשטענדעניש פאַר די אינטימסטע באַגערן און אַנטוויקלונגס־טענדענצן פונם קינד, האָט זי מיט דער גאַנצער זעלבסט־אָפּפערונג מבטל געווען איר „איך" און זיך פולשטענדיק אויפגעלייזט אינם געטאָ־קינד. זי האָט לגמרי אויפגעהערט צו ווירקן ווי אַ סוביעקט און איז געוואָרן אַ מיטפילנדיקער אָביעקט, וואָס האָט גענומען אויף זיך בלויז די איינציקע ראָליע פון אַ טרייסטערן, אויסריידערן און היילערן. אָט אַזוי האָט עס אין געטאָ אַ פלייץ געטאָן פון איר מיט שטראָמען ליבשאַפט און האַרציקייט. זי, ווי אַ פּריוואַטער מענטש, האָט אינם ביטערן אַרום דאָס גאַנצע ביסל פיינלעכע גליקזעליקייט און באַפרידיקונג געפינען אינם שפּירעוודיקן מיטלעבן, מיטמאַכן דעם מאַרטירער־וועג פון די קינדער און אינעם אונטערגיין מיט זיי.

זי איז שוין נישטאָ, די דאָזיקע מייסטערן און פריינדן פון די יונגטלעכע נשמות. פּונקט ווי אַן אַנדערער מייסטער —

יאַנוש קאָרטשאַק אין וואַרשע — האָט זי פאַרענדיקט איר לעבן אינם טויט־מאַרש צוזאַמען מיט טויזנטער קינדער פון געטאָ. זי ... אַוועק מיט זיי נאָכדעם ווי זי האָט זיי אַוועקגעגעבן אַלץ פון זיך: אירע איידלסטע, ליכטיקסטע טרוימען, דאָס וואַרעמס־טע פון איר האַרץ און איר גאַנצע לויטערע פּערזענלעכקייט.

⁂

אינם לייען־זאַל, וואָס ביי דער ביבליאָטעק אויף סטראַ־שון־גאַס, האָב איך אים געטראָפן — באַלד ווי כ'בין צוריק־געקומען אין געטאָ — שטיין און מעיין זיין אין אַ ספר. מיט זיין רואיקן, בנעימותדיקן גאַנג האָט ער זיך געדרייט צווישן די פּאָליצעס, אַרויסגעגעבן די פאַרלאַנגטע ביכער, און — צווישן איין אַרויסגעב און דעם צווייטן — זיך אַוועקגעשטעלט ביים טישל און עוסק געווען בתורה.

כ'האָב אים אָבסערווירט אין זיין לייענענדיקער פּאָזיציע — פאַרטיפט און פאַרדבקהט, ווי אַרום אים וואָלט קיינער נישט געווען — און ס'האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס שטייט ער אַזוי אויפן זעלבן אָרט פון זינט כ'האָב אים ס'לעצטע מאָל געזען: אין דער סטראַשון־ביבליאָטעק נאָך פאַרן געטאָ.

כ'בין צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— שלום עליכם, ר' הייקל לונסקי...

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונעם בוך און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. „איר לעבט? איר לעבט? דאַנקען גאָט..." — האָט ער געמורמלט מיט זיין שטילער, וואַרעמער שטימע.

כ'האָב אים באַטראַכט: אַ זילבערנער פּאַס האָט געהעלט אויף זיין פריער טונקעלער באָרד — אַ צייכן פון דער שווידערלעכער צייט. זיין שטענדיק פול, קיילעכיק געזיכט איז איצט געווען איבערגעצויגן מיט אַ מאַטער בלאַסקייט, און אין זיין בליק

האָט זיך געשפּיגלט אַ דינער, איידעלער טרויער. כ'האָב גע־קוקט אויף זיינע געבויגענע פּלייצעס און שטאַרק אויסגע־מאָגערטן קערפּער, און ס'האָט זיך מיר געוואָלט אַרויסזאָגן:

„ניין, ר' חייקל, איר זענט נישט געשטאַנען אויפן זעלבן אָרט...”

ער האָט אַן אומעטיקן שמייכל געטאָן, ווי ער וואָלט דורך מיין אָבסערוואַציע פאַרשטאַנען מיינע געדאַנקען:

— פאַרשטייט זיך, מיטגעמאַכט אַלץ: פּראָוואָקאַציע, אַק־ציעס, באַהעלטעניש... אָבער תמיד זיך געהאַלטן נאָענט צו דער ביבליאָטעק.

— ר' חייקל, ווי האָט איר עס געקענט? ווי קענט איר בכלל איצט אַריינקוקן אין אַ ספר?...

— וואָס הייסט ווי אַזוי? און אַז כ'בין אפילו איצט ווייטער ממשיך מיינע מעמי־אַרן וועגן די אנשי־השם? קוקט זיך אַרום, זעט...

כ'האָב אַ קוק געטאָן איבערן זאַל, וווּ די טישן זענען געווען פול באַזעצט מיט יוגנט און דערוואַקסענע. אין אייניקע ערטער זענען מענטשן געזעסן אַריבערגעבויגן איבער פּאַפּיר.

— אָט זיצט דאָרט אין ווינקל דר. גליקסמאַן, דער געוו. רעדאַקטאָר פון די וואַרשעווער „היינטיקע נייעס”. זעט ווי אַלט און אויסגעצערט ער איז געוואָרן פון די איבערלעבונגען. פונ־דעסטוועגן אַרבעט ער אומאויפהערלעך איבער זיינס אַ כתב־יד... און דאָרט לערנט משה לערער פון ייוואָ. איר קענט דאָך אים! און קאַלמאַנאָוויטש קומט אַריין און דר. ליבער... וואָס הייסט? כל זמן שהנשמה בקרבך...

— ר' חייקל, אָבער פאַר וועמען אַרבעט מען עס? און ווי

נעמט מען כוחות? די גאַנצע פּראָווינץ ווייקט זיך אין בלוט, דער געטאָ...

ער האָט מיך געבעטן, כדי נישט צו שטערן די מענטשן, אָפּצולייגן דעם שמועס ביז דער לייען־זאַל וועט געשלאָסן ווערן. אין אַ שעה אַרום זענען מיר אַרויס פון דער ביבליאָטעק.

— איר פאַרשטייט? — האָט ער מיך אָנגענומען פאַרן אָרעם, לאָזנדיק זיך מיט מיר איבער די פינסטערע געטאָ־געסלעך — מ׳אַרבעט פאַר דער שארית ישראל, זאָל מען געדענקען... און אַ שארית וועט און מוז בלייבן! אויב, חלילה, נישט דאָ, איז ערגעצוווּ — מעבר לים. נישט איינמאָל האָבן זיי געזאָגט „נלכה ונכחידם מגוי ולא יזכר שם ישראל עוד!...” און דאָך! אי כוחות? מוז מען זיי אין זיך אויסגעפונען. מ׳דאַרף זיך קענען האַלטן ביזן סוף...

— ר׳ הייקל, דער אומגליק צעברעכט אינגאַנצן. מ׳פילט, אַז מ׳פאַרלירט יעדן אינטערעס צו עפּעס...

— ווו זענט איר געווען ביז איצט?

כ׳האָב אים דערציילט מיינע איבערלעבונגען אין זאַטראָטשין.

— אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס איר זענט געווען אַזוי ווייט פון דער ווילנער עדה. צווישן יידן איז גרינגער: גרינגער צו לעבן און גרינגער צו שטאַרבן. דאָ האַלט מען אונטער איינער דעם צווייטן, נישט געקוקט אויף אַלע מעשים תעתועים. מ׳מונטערט זיך אויף — און מ׳טוט דאָך! שולן, וואַרשטאַטן. אָט סובסידירט דער ייבער־פאַראיין מאַנוסקריפּטן...

— שווער זיך אַריינצופּאַסן אינם געטאָ־לעבן...

— פאַרוואָס זאָלט איר נישט אָנשרייבן עפּעס? למשל וועגן די יידן אין אייער לאַגער, אָדער אין ווילנער געגנט? פאַרוואָס זאָל נישט בלייבן וועגן זיי אַ דאָקומענט? אָט פּרוווט. דאָס

טוט גוט, און מ׳פארגעסט! אַז מ׳שאַפט, פאַרגעסט מען אין אין מערדער און אין טויט. עס דוכט זיך, אַז דאָס אַלץ קומט פאַר ווייט־ווייט פון אונדז...

מיר האָבן זיך געזעגנט. האַלט זיך!... — האָט ער מיר נאָכגעזאָגט. און ס׳איז מיר שווער געווען זיך צו האַלטן. דאָס האָבן נאָר געקענט די, וואָס האָבן דורך יאָרן אויסגעהעמערט אין זיך דעם גרויסן גלויבן און די גרויסע עניוות. דאָס האָבן נאָר געקענט די חייקל לונסקים אין געטאָ!...

⁂

צווישן די אוועקגעגאַנגענע ווילנער געשטאַלטן פאַרנעמט אַ באַזונדער אָרט די זעלטענע פרוי, די באַקאַנטער אינטעלעקטואַליסטן און קינדער פּסיכאָלאָג דר. וויטע לעווין. זי איז אומגעקומען אין די קעלערן פון געסטאַפּאָ אין אויגוסט 1941 האַרט פאַרן איינפירן דעם געטאָ.

ווער ווייסט, ווי ס׳וואָלט אויסגעזען דאָס מאָראַלישע פּניב פונם געטאָ, ווען וויטע לעווין וואָלט דאָרט נישט פאַרפעלט. זי מיט איר אויסגעשאַרפטן עטישן חוש און אייביקן נשמה־פּראָטעסט קענן עוולות און אומיושר וואָלט בלתי ספק נישט געווען געקענט פאַרטראָגן די אויסטערלישע שפלות, אין וועלכער ס׳האָבן דאָס רעשטל פונם קבוץ אַריינגעוואָרפן די יידנ־ראַט־מענטשן. איר פּאָזיציע אין דער פאַרמלחמהדיקער ווילנע ווי די גרויסע ערלעכע רעבעליאַנטן, איר שטאַרקע, אומבויג־זאַמע נאַטור און קריסטאַל־ריינער כאַראַקטער, איר רענאָמע ווי אַ זויבערע, געזעלשאַפטלעכער און שול־עסקן, וואָלטן מסתם פיל מיטגעהאָלפן אויסצולייטערן די אַטמאָספער אין געטאָ און מאַכן זי מער מענטשלעך, וואַרעמער און ריינער. לכל

דאָס גייסטיקע פּנים פון געטאָ

הפּחות וואָלטן די איינזאַמע יחידים אין געטאָ מיט זייער אומצופרידנקייט מיט דעם אינעווייניקסטן מצב צווישן יידן גופא אומבאַדינגט געפינען אין איר זייער וואָגיקע שטיצערן און מיטקעמפּערן.

איר פילפאַרביקע, גייסטרייכע פּערזענלעכקייט — לויט דעם ווי זי האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין די אויגן פון אירע באַקאַנטע נאָך פאַרן קריג — האָט נישט פאַרמאָגט די אַ אויסגעטאָקטע גאַנצקייט און צילבאַוווסטקייט, וואָס צייכענען אָן אַ קאָנסעקווענטע גראָדע ליניע אין אַ מענטשלעכן לעבנסוועג. צופיל איז זי אין איר מהות געווען קאָמפּליצירט און פון קעגנזעצלעכע עלעמענטן פּסיכיש געשטאַלטעט, אַז זי זאָל אין אַלע סימואַציעס האַנדלען גלייך און אייגהייטלעך. פונדאַנען נעמען זיך טאַקע אָט די סתירות אינם פּאָרטרעטן און אָנשויאונג, וואָס איר נאָענטע מסיבה האָט באַמערקט אין איר. פונדאַנען נעמט זיך אפשר אויך די פאַרשיידנאַרטיקייט פון אירע גייסטיקע אינטערעסן. אַ באַשיצערן און פּראָטעקטאָרן פון דער ווילנער קינסטלערישער יוגנט — שרייבער, דיכטער, מאָלער און מוזיקער, — אַ דערציערין און אָנפירערין פון אַ פּרעכטיקן אַנשטאַלט פאַר דעפעקטיווע קינדער, אַ מחברין פון פּעדאַגאָגישע אַרבעטן און גרינדערן פון קרייזלעך פאַר אינדיווידואַל־פּסיכאָלאָגיע, האָט זי זיך אויך אינטענסיוו באַטייליקט אין דער טעטיקייט פון דער ווילנער גרופּע „פרייע שריפטן“ און טיף זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם גאַנג פון דער אַרבעט אין יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט און זיין אַספּיראַנטור. אין איר הויז אויף שאָפּען־גאַס פלעגן זיך אָפט צונויפקומען דער באַוווסטער שפּריטשטעלער דניאל טשאַרני מיט זיין פרוי און דער קרעפטיקער בילצוזינגדיקער פּאָעט חיים גראַדע, דער

פעיקער מאָלער וועלוול קאַפּלאַנסקי און דער יונגער ייוואָ־אַס־פּיראַנט חיים מוניץ, די פאַמיליע פונם באַקאַנטן כלל־טוער קאַפּלאַן־קאַפּלאַנסקי, דער מאָלער און מוזיק־קריטיקער סאַנדעל און אַ סך אַ סך אַנדערע.

זיי אַלעמען האָט געצויגן אַהין דער גרויסער גייסט פון הכנסת אורחים, וואָס האָט געהערשט אין איר הויז, און דער וווּנדערלעכער כשרון אויפצוהייבן זיך איבער די דיפערענצן, וואָס האָבן צעטיילט אירע איינגייער, און אויסצוגעפינען און אונטערשטרייכן סיי דאָס אינדיווידועלע סיי דאָס בשותפות־דיקע אין זיי. אַזוי אַרום איז די כאַראַקטעריסטישע קאָמפּלי־צירטקייט אירע געוואָרן אַ מזל ברכה פאַר איר סביבה. די סתּי־רהדיקע עלעמענטן, וואָס האָבן דיפערענצירט איר פּערזענלעכ־קייט — איר אַנאַליטיש־לאָגישע נאַטור פון איין זייט און איר עטישער (טיילווייז רעליגיעזער) מאָניזם פון דער צווייטער זייט, איר צופיל באַטאָנטער, פּראַקטישער לעבנס־רעאַליזם און דער דערהויבענער אידעאַליזם פון אַלע אירע מעשים, איר ריין־הומאַניטאַרער צוגאַנג צו טאָג־טעגלעכע דאגות און דער היפּער־פּסיכאָלאָגיזם אינם טראַקטירן אירע מיטמענטשן — האָבן תמיד געפינען פאַר זיך אַ פּאַסיקן באָדן צו ווירקן און באַאיינפלוסן. די פאַרשיידענע אָביעקטן, וואָס זי האָט באַווירקט, האָבן טאַקע גענומען ביי איר דאָס וואָס איז יעדן איינעם פון זיי געווען אייגנטימלעך.

אָבער דאָס אַלץ וואָלט נאָך נישט פאַרענטפערט דעם כשופּ־דיקן צויבער פון איר פאַרצווייגטער השפעה, אויב מ'זאָל נישט נעמען אין אַכט אַ באַזונדערע אייגנשאַפט אירע: דאָס איז די וואַרעמע פשטות אירע אינם אומגאַנג מיט מענטשן. די דאָזי־קע פשטות האָט זי זיך דערוואָרבן ווי אַ רעזולטאַט פון אַ

לאַנגיאָריקער אָבסערוואַציע און לעבנס־דערפאַרונג. כ׳זאָג: „דערוואָרבן", ווייל בדיעבד — לויט אָפּשטאַם און סביבה — איז איר ווענטלעך געווען אַ ספּעציפישער גייסט־אַריסטאָ־קראַטיזם. די אָ דערוואָרבענע פּשטות איז געווען אַ פּועל־יוצא פון אַן אָבסערוואַציע איבער דער אומסטאַבילקייט און אומזי־כערקייט פונם מענטשלעכן פאָרגיין. זי איז נישט בלויז געווען אַ דערציערן פון דעפעקטיווע קינדער. זי האָט בפירוש גע־האַלטן, אַז דער דעפעקטיזם איז אַ סטאַבילע אייגנשאַפט פון דער מענטשלעכער טבע, אויך פונם דערוואַקסענעם. דער דע־פעקטיזם, וואָס שטאַמט פון דער הילפלאָזיקייט אונדזערער אינם אָנבליק פונם אומהיימלעכן, סודותפולן קאָסמאָס, סאָ־ציאַלע עוולות און לעבנס־ווידערשפּרוכן, מאַכט אונדז שוואַך און אייביק מסוגל מחונך און געשטיצט צו ווערן. זי איז גע־וואָרן אַן אָנהענגערן און פאַרשפּרייטערן פון אַלפרעד אַדלערס לערע נאָכדעם ווי זי האָט זיך דורך אַ ריי נסיונות איבערגע־צייגט, אַז דער פּחיתות — אָדער דעפעקט־געפיל — איז די סאַמע פאַרזעצסטע ספּרוזשינע פונם מענטשלעכן האַנדלען. מהאַי טעמא דאַרף מען, היילנדיק און דערציענדיק אַלעמען (קינדער און דערוואַקסענע), זיך דערגרונטעווען צום שורש און מין פון זייער דעפעקט־געפיל. און היילן דעם דאָזיקן געפיל קען מען דורך צוויי עיקרדיקע אופנים: דורך אַ שטרענג אינדי־ווידואַליזירטער, גייסטיקער באַווירקונג און דורך וואַרעמער, פּשטותדיקער באַהאַנדלונג.

אָט אַזוי זענען מיר דערגאַנגען צו אַ העכערן, איינהייטלעכן היילן אין איר גייסטיקן וועזן, נישט געקוקט אויף דער סתי־רותדיקייט אין איר: דאָס איז דער ווילן צו היילן דעם בעל־מום אינם מענטשן! זי איז אומגעקומען, ווי געזאָגט, על קדוש־

דשם עטלעכע וואָכן פאַרן געטאָ. און זי האָט פאַרפעלט אַריינ־צוגיין אין געטאָ מיט זיין קאָלעקטיוון פּחיתות און דעפּעקט־געפיל — זי, די גרויסע מענטשן־קענערן און דערציערן.

⁂

זאָל דאָ נאָך צום סוף דערמאָנט ווערן מיט עטלעכע ווער־טער דער געוו. דירעקטאָר פון דער ווילנער תרבות־גימנאַזיע, דער פילאָלאָג דר. ליבער.

אַנדערש איז געווען זיין לעבנס־ליניע אין געטאָ און אַנ־דערש פון די אויבן־געשילדערטע זיין זעלישע רעאַקציע קעגן די דייטשע גרוילן. בעת יענע האָבן געזוכט זייער תיקון אינם צונויפגיסן זיך מיטן ליידנדיקן אַרום און אָפּגעגעבן אים די אויפגעהיטענע רעשטלעך פון זייער פּערזענלעכקייט, האָט ער, פאַרקערט, זיך ענדגילטיק איינגעשלאָסן אין זיך און געפינען אַ געוויסע פּיינלעכע גליקזעליקייט אינם הייסן, טראַציקן שטרעבן צום גיכן סוף... זיין טיפער יידיש־נאַציאָנאַלער סענטימענט און די איינגעוואָרצלטע ליבשאַפט צום לעבן, ווי די טייערס־טע מתנת אלקים, האָבן אים נישט דערלויבט צו ווערן אַ מאבד את עצמו לדעת, ווי אַ צווייטער צעבראָכענער ייד: דער ביבליאָ־טעקאַר א. סטראַשון. ער איז דערפאַר געוואָרן אַ פּורש את עצמו לדעת, וואָס האָט אין זיין אָפּגעזונדערטקייט און אַליינקייט באַוויזן אָפּצוהיטן ביז די לעצטע מינוטן זיין אינעווייניקסטע חשיבות און מענטשלעכן שטאָלץ.

אָבער אַ פּורש מן הצבור הייסט נאָך נישט לגמרי איבער־רייסן דעם קאָנטאַקט מיט אים. ניין. ער האָט זיך נאָר באַמיט צו זיין מיט זיך, כדי ווי ווייט מעגלעך נישט אַריינצופאַלן אין אָט דער שפלות און נעפּאַלנקייט, אין וועלכע פיל אַנדערע מעורבים עם הבריות זענען געזונקען. קעגן דעם האָט ער אויך

געפֿונען אַ צווייטן פּאַנצער: דאָס איז זיין איינגעבוירענע נטיה צו אינטעלעקטועלער עבודה. גייענדיק יעדן טאָג מיט זיין מאַכטער צום שפּיטאָל פֿון די שפּאַנישע וואָלונטאַריער, האָט ער יעדע פֿרייע מינוט אין דער היים און ביי זײַן אַרבעט אויסגענוצט אויף צו שטודירן נייע שפּראַכן (אַחוץ די 12 לשונות, וואָס ער האָט שוין געקענט). אין משך פֿון דריי חדשים האָט ער גרינטלעך און פּערפֿעקט אויסגעלערנט שפּאַניש. כ׳וועל דורך דעם אפשר בעסער צונויץ קומען דער בריגאַדע — האָט ער געזאָגט, און דערמיט באַוויזן, אַז ער פֿילט אין זיך פּליכטן לגבי דעם יידישן קאָלעקטיוו און, אַז זיין פּרישות איז בלויז אַ טעכנישער מיטל אויף צו דערהאַלטן זיין מאָראַלישע גלייכוואָג. זיין פֿאַרבינדונג מיט געוויסע יחידים האָט ער אויך אויסגענוצט אויף משלים צו זיין זיך און שנעלער צו פֿאַרטרייבן די ביטערע, צייטוויליק געשאָנקענע מינוטן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט וועלן דערגיין צום קבר מיט אַ גרויסן ראַנאַזש פֿון וויסן און נישט פֿאַרטאַכליעוועטער צייט. „איר זענט טאַקע געווען אַן אַספּיראַנט אין ייוואָ? אויב אַזוי קענען מיר דאָך אַביסל שמועסן וועגן וויכטיקע ענינים...” כ׳האָב מער געשוויגן ווי גערעדט, און בין נשתומם געוואָרן פֿון דער גרויסער בקיאות, וואָס דער אַ העברעיסט האָט אַרויסגעוויזן אויפֿן געביט פֿון דער יידישער שפּראַך און פֿילאָלאָגיע. אין זיינע ויכוחים פֿלעג ער זיך אָפֿט פֿאַררופֿן אויף פּרילוציקין, ז. קאַלמאַנאָוויטשן און וויינרייכן. די מענטשן פֿון דער בריגאַדע זענען בעת דער הפסקה געשטאַנען לעם דער קרייז־זעג אין זיך צוגעהערט צו זיינע ליידנשאַפֿטלעכע, מיט גרויס איבערצייגונג אַרויסגעזאָגטע אָריגינעלע לאָנצעפּטן וועגן דער עטימאָלאָגיע פֿון אַ ריי יידישע ווערטער. „כ׳קען אייך באַווייזן, אַז

„ס'קאָצל קומט" שטאַמט פון אַן אַלטן אויסדרוק „ס'גאָטל קומט", וואָס נעמט זיך פון דער פאָלקס־פאַרגעטערונג פון מידת הכנסת־אורחים. אין דעם זין, למשל, ווי מיר זאָגן היינט: „עס איז געוועזן גערעדט פון משיחן, וואָלט ער אויך געקומען..." די פאַרבייגייענדיקע שפּאַנישע מיליטער־לייט האָבן מיט גרויס שטוינונג זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז אַזאַ „הייסער ווינטער־שאַפט־לעבער געשפּרעך". איצט? ביי דער אַרבעט? — האָבן זיי גע־גאַפּט.

יאָ. ביי דער אַרבעט און נאָך דער אַרבעט. מאָרגן קומט זי־כער דער טויט — דאַרף דערפאַר דער היינט זיין אויסגעפילט מיט דער ברענענדיקסטער לוסט צו פאַרפאָלקאָמונג. און אָפּ־שליסן זיך פון אַלץ דאַרף מען מיט דער אָ ברענענדיקער לוסט — אָפּשליסן זיך פון דער פינסטערער, רוצחישער ווירקלעכקייט, וואָס באַדראָט מיט איר העסלעכקייט אָפּצוטעמפּן דעם גייסט אינם מענטשן און אויסצולעשן דעם געטלעכן ניצוץ אין אים נאָך ביי זיין לעבן...

⁂

זאָלן דיזאָזיקע עטלעכע ווערטער זיין אַ באַשיידענע מצבה אויף זייער הייליקן אַש, וואָס איז צעשפּרייט איבער די בלוטי־קע שטחים פון אייראָפּע. און זאָל אונדזער האַרץ, וואָס דענקט נאָך איבער דעם פאַרבאָרגענעם ליכט פון אַוועקגעגאַנגענע קדושים, עס איינזויגן אין זיך ווי היילנדיקע שטראַלן פון אַ זון, וואָס איז אויפגעקומען ווי נאָר דער מענטש האָט פאַר־שטאַנען דעם העכערן תכלית פון זיין עקזיסטענץ: אויפצוהאַל־טן זיין צלם אלוקים אַפילו דאַן, ווען דאָס אוממענטשלעכע פייערט זיין גרעסטן רוצחישן טריומף!...

פיזישער ווידערשטאַנד

קאַפּיטל 19

דעם 5־טן אַפּריל 1943 האָבן די דייטשן אויסגעשאָסן אויף פּאָנאַר ביי א 5000 יידן פון ווילנער, סווענציאַנער און אָשמיאַנער קרייז.

ווערליק, די קלאַנגען, וואָס האָבן דעמאָלט שטאַרק קורסירט אין געטאָ, האָבן יעקב גענס, זיין פּאַרטרעטער דעסלער און די יידישע פּאָליציי געשפּילט א צוויי־פּנימדיקע ראָליע אין אָט דער טראַגעדיע. זיי זאָלן האָבן איינגערעדט יענע שטעטלשע יידן, אַז זיי דראָט נישט קיין שום געפאַר און, אַז די דייטשע מאַכט איז נאָר אויסן זיי אַריבערצופירן אין די גרעסערע צענטערס: קאָוונע און ווילנע.

ווי די מעשה זאָל נישט זיין — ווי קליין אפילו ס'זאָל נישט האָבן געווען גענס שולד אינעם אומקום פון די פּראָווינצער יידן — פאַר א סך מענטשן איז פון אָט דעם פאַקט קלאָר געוואָרן צוויי זאַכן: 1) אַז מ'קען בשום־אופן נישט נעמען ערנסט גענס האַפּערדיקע רייד וועגן דער זיכערער צוקונפט פון די איבערגעבליבענע ווילנער יידן; 2) אַז פּונקט אַזוי אומדערוואַרט ווי די פּראָווינצער געטאָס, קענען די דייטשן אין א שיינעם העלן טאָג אויך ליקווידירן דעם ווילנער געטאָ.

אָט די קריטישע שטימונגען און שווערער געמיט האָבן צוגעגרייט דעם באָדן פאַר אַן אויסגעברייטערטער טעטיקייט פון דער פ. פ. אָ. (פאַראייניקטע פּאַרטיזאַנער אָרגאַניזאַציע). עס

איז געווען צו דערוואַרטן, אַז די אידייען פון ווידערשטאַנד, וואָס זענען ביז אַהער געווען פּאָפּולער בלויז צווישן קלענערע גרופּעס און קרייזן, זאָלן איצט ווערן אָנגענומען דורך אַ גרע־סערן עולם.

אויף אונדזערע צונויפקומען, וואָס מיר האָבן ווען דעם ענין געהאַט, האָבן מיר זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז דער געטאָ וועט שוין לאַנג נישט אָנהאַלטן. די אינדיווידועל־עטישע פּראָ־פּאַגאַנדע האָט געקענט האָבן אַ האַפט נאָר אַזוי לאַנג, כל זמן די יידישע געטאָ־אָנפירערשאַפט האָט נאָך געהאַט עפּעס צו זאָגן איבער דער עדה. מיט דעם מאָמענט אָבער, וואָס די גאַנ־צע דעה נעמען איבער די דייטשן, וואָס מאַכן אין זייער פאַר־ניכטונגס־אַרבעט סיי־ווי נישט קיין חילוק צווישן איין ייד און דעם צווייטן, דאַרף דער איינציקער ענטפער לגבי זיי זיין נאָר דער: פיזישער ווידערשטאַנד.

אויף דער איניציאַטיוו פון דער גרופּע „פרייע שריפטן" איז דעם 20־טן מאַי 1943 — אין לאָקאַל פאַר סאָציאַלער פאַרזאָרגונג אויף רודניצקע 6 — פאַרגעקומען אַ קאָנספּיראַ־טיווע זיצונג פון אַ גרופּע פאַרשטייער פון פאַרטייען און קול־טור־מענטשן אין געטאָ. צווישן אַנדערע האָבן אין איר אָנ־טייל גענומען די ווייטערדיקע פּערזאָנען:

1) אַבראַשע כווויניק — בונד (גלייכצייטיק דעלעגירט פון פּ. פּ. אָ.)
2) מ. דימעטמאַן — רעכטע פּועלי־ציון.
3) פּ. טראָופּיאַנסקי — „פרייע שריפטן".
4) משה לערער — קאָמוניסט.
5) א. אייזען — „פרייע שריפטן".
6) ל. אַפּעסקין — שרייבער.

נאָכדעם ווי אַבראַשע כווויניק האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג, האָט דער איניציאַטאָר פון דעם אַ צונויפקום, דער פאָרשטייער פון די „פרייע שריפטן", אַנטוויקלט פאַר די צוהערער דעם גע־דאַנק פון אַ פאָלקס־זעלבסטשוץ, וואָס זאָל אַריינעמען אין זיך גרעסערע שיכטן פון דער געטאָ־באַפעלקערונג און וואָס זאָל אַוועקגעשטעלט ווערן אויף אַ ברייטערער, געזעלשאַפטלעכער באַזע ווי ביז איצט. ער האָט אָנגעוויזן אויף דער נייטיקייט צו שאַפן געהיימע פּאַרטיידיקונגס־פּונקטן אין יעדן הויז און בלאָק און פאָרגעלייגט שוין אַדורכצופירן די אַ דרינגנדיקע אויפגאַבעס:

1) קלאָר מאַכן פאַר דעם יידישן עולם די שעדלעכקייט פון גענס טעטיקייט; זיין פאַלשע איינשטעלונג בנוגע די יסודות־דיקע פּראָבלעמען פון דעם געטאָ;

2) אויפמערקזאַם מאַכן אויף דער מיאוסער ראָל פון דער יידישער פּאָליציי, אויף אַ ריי פּראָוואָקאַטאָרן און דייטשע אַגענטן;

3) פּאָפּולער מאַכן דורך אַקטיווער פּראָפּאַגאַנדע דעם רעיון פון זעלבסטשוץ.

היות דער רוב אָנטיילנעמער האָבן געהאַלטן, אַז מען מוז אין די אַ ענינים דירעקט זיך פאַרשטענדיקן מיט דער שוין עקזיסטירנדיקער ווידערשטאַנד־אָרגאַניזאַציע. האָט דער פאָר־שטייער פון די „פרייע שריפטן" געהאַט אין די נאָענסטע טעג אַ צונויפטרעף מיט די אָנפירער פון דער פ. פּ. אָ. יצחק וויטענ־בערג און י. גלאַזמאַן. וויטענבערגס מיינונג איז געווען, אַז צוליב קאָנספּיראַציע־טעמים טאָר די פ. פּ. אָ. נישט אויסברייטערן איר באַזע און אַריינעמען אין זיך אַ גרעסערן, אומזיכערן עולם. דאָס וואָלט געשטעלט אין סכנה די עצם עקזיסטענץ פון

דער אָרגאַניזאַציע. דערפאַר איז בעסער צו האָבן אַ קלייננעם אָבער פעסטן קערן, וואָס וועט בעת דער ליקווידאַציע פון געטאָ אַפּעלירן צו דער גאַנצער מאַסע און געבן דעם סיגנאַל צו אַן אַלגעמיינעם קאַמף קעגן די דייטשן.

אַט די דערקלערונג פון דעם פּ. פּ. אָ.־פירער איז באַהאַנדלט געוואָרן אויף אַ צווייטער זיצונג פון די אויבנדערמאָנטע געזעלשאַפטלעכע טוער (יוני, 1943). אין די דיסקוסיעס, וואָס האָבן זיך אויף דעם יסוד אַנטוויקלט, האָבן די מענטשן פון די „פרייע שריפטן" אָנגעוויזן, אַז די פּ. פּ. אָ. איז נישט גענוג פּאָפּולער אין דער יידישער געזעלשאַפט. מחמת דעם דראָט אַ געפאַר, אַז אין פאַל פון אַ ווידערשטאַנד זאָל די גרויסע מאַסע בלייבן אין אַ זייט. זיי האָבן אָנגעוויזן, אַז קאָנספּיראַציע איז טאַקע זייער אַ גוטע זאַך, אָבער נאָר דעראַלט, ווען זי בינדט זיך מיט דער אידיי פון פּאָרויסצוגרייטן און אָרגאַניזירן די מאַסע. בפרט נאָך, אַז אפילו ביי אַ קליינער צאָל מיטגלידער איז אויך דאָ די סכנה פון דעקאָנספּיראַציע.

די זיצונג האָט באַשלאָסן צו נעמען צו קענטעניש וויטענבערגס דערקלערונג. די ווייטערדיקע געשעענישן האָבן אָבער באַוויזן, אַז די פאָרשטייער פון די „פרייע שריפטן" זענען געווען גערעכט.

ערב ליקווידאציע

קאַפּיטל 20

עס זענען אָנגעקומען די חדשים יולי־אויגוסט פון יאָר 1943, ווען אפילו פאַר די אָפּטימיסטן פון גענס ביתה איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָס זענען שוין די לעצטע טעג פונם געטאָ: די צוויי חדשים, ווען די יידישע מאַסע האָט מיטאמאָל דער־פילט, אַז זי האָט צוויי יאָר צייט זיך געלאָזט פירן און פאַרפירן דורך גענסן און זיינע מיטהעלפער; די צוויי חדשים, ווען אַלע טאַקטישע פעלערן פון דער פ. פּ. אָ. האָבן זיך אַרויסגעוויזן אין זייער גאַנצער בולטקייט.

דער מלחמה־פראָנט, וואָס האָט זיך גענט אָנהייב 1943 פּאַמעלעך דערנענטערט צו מערב, האָט גורם געווען, אַז די דייטשן האָבן זיך גענומען ענדגילטיק צו די רעשטלעך לעבנגע־בליבענע יידן אין ליטע, וועמענס אַרבעטס־קראַפט האָט זיי שוין דאָ מער נישט געקענט נוצן. אַזוי האָבן זיי אין די חדשים יאַנואַר און פעברואַר ליקווידירט כמעט אַלע אַרבעטס־לאַגערן אויף דער פּראָווינץ, איבערשיקנדיק טיילווייז די מענטשן אין ווילנער געטאָ. אין אַפּריל האָבן זיי אין פּאָנאַרער וואַלד אויס־געשאָסן דעם רוב יידן פון סווענציאַן און אַשמיאַנע. איצט איז געקומען די ריי אויף ווילנע.

דער ערשטער אַלאַרמירנדיקער סיגנאַל איז געווען דער אַרעסט און אומקום פונם פ. פּ. אָ.־פירער יצחק וויטענבערג, דעם 17 יולי 1943. די דייטשן זענען דערמיט אויסן געווען צו

פּאַראַליזירן די טעטיקייט פון דער יידישער ווידערשטאַנדס־באַ־וועגונג און אַריינברענגען אַ כאַאָס אין אירע רייען. און דאָס האָט זיך זיי טיילווייז איינגעגעבן. עס איז זיי געלונגען דערפאַר, ווייל די פּ. פּ. אָ. האָט כמעט במשך פון איר גאַנצער עקזיס־טענץ פאַרוואָרלאָזט איינע פון אירע סאַמע וויכטיקסטע אויפ־גאַבעס: דאָס פּאָפּולער מאַכן צווישן די ברייטסטע קרייזן דעם געדאַנק פון זעלבסטשוץ. די מאָטיוון פון קאָנספּיראַציע, וועל־כע זענען אַן און פאַר זיך זייער וויכטיק, האָבן דאָ גאָרנישט פועל׳ געווען: די פּ. פּ. אָ. איז דעקאָנספּירירט געוואָרן נישט געקוקט אויף איר קליינער צאָל מיטגלידער און שטרענגער דיס־ציפּלין. צוליב דעם אָ טאַקטישן גרונט־פעלער האָט עס געקענט קומען צו דער אויסטערליש־טראַגישער לאַגע, אַז אַ מענטש, וואָס איז באַשטימט געוואָרן צו באַשיצן אַ ציבור, איז דורך דעם זעלבן ציבור געצוואונגען געוואָרן זיך איבערצוגעבן אין די שונאימס הענט. אמת, דער דאָזיקער צוואַנג איז געשען אונ־טערן דרוק פון די דייטשן, וואָס האָבן אין פאַרקערטן פאַל גע־דראָט אומצוברענגען דעם גאַנצן געטאָ. אָבער מען קען זיך גרינג אויסמאָלן, אַז ווען די פּ. פּ. אָ.־אידייען וואָלטן מער באַליבט און באַקאַנט געווען, וואָלט דאָס אַרויסגעבן אים אָנ־געקומען פיל שווערער. עס וואָלט אין אַזאַ פאַל גרייַלעך גע־קענט דערגיין צו אַן אַנטי־דייטשישן אַרויסטרעט, וואָס דאָס איז אייגנטלעך געווען דער צוועק פון דער גאַנצער פּ. פּ. אָ־טעטיקייט. אָנשטאָט ווייטענבערגס קאָפּ וואָלטן די דייטשן באַ־קומען אַן אומגער כטן אויפשטאַנד, צו וועלכן זיי זענען נאָך נישט געווען אַזוי צוגעגרייט, ווי אין סעפּטעמבער בעת דער עסטאָנישער אַקציע. לכל הפּחות וואָלט אַזאַ גינציקע אַטמאָס־פער פון מיטגעפיל און פּאָפּולערקייט צווישן די מאַסן אומ־

מעגלעך געמאַכט, אַז וויטענבערג זאָל געצוווּנגען ווערן אַליין זיך איבערצוגעבן. ווײַל לויט אַ ריי ידיעות און לויט דער באַגלייבטער גבית עדות פון וויטענבערגס נאָענטסטער פריינדין, האָט דער פירער פון דער פּ. פּ. אָ. בפירוש געהאַלטן, אַז די איצטיקע סיטואַציע — ווי דער אָנהייב פונם סוף פונם געטאָ *) — איז מחייב אַ ווידערשטאַנד, און אַז מיטן אַרויסגעבן אים וועט מען דורכויס אָפּשוואַכן די פאַרטיידיקונגס־כוחות.

די ווײַטערדיקע פאַסירונגען באַשטעטיקן, אַז וויטענבערגס געדאַנקען־גאַנג איז געווען אַ ריכטיקער. סיי די ערשטע טראַנספּאָרטן קיין ווייוואַרי, סיי די עסטאָנישע אין סעפּטעמבער זענען פאָרגעקומען אָן שום בולטן ווידערשטאַנד מצד דעם ייִדישן כלל. די גרופּעס פון דער פּ. פּ. אָ. וואָס האָבן זיך אין אייניקע פּונקטן פאַרבאַריקאַדירט און געשאָסן פון הויז אויף סטראַשון־גאַס 12, האָבן נישט געקראָגן קיין הילף פון דער באַפעלקערונג. די דײַטשן איז דערפאַר גרינג געווען צו ליקווידירן די אַ פּונקטן, אויפרייסנדיק זיי מיט דינאַמיט. און דאָס זענען געווען במעט די איינציקע שאָסן במשך פון דער ליקווידאַציע.

די פּ. פּ. אָ. איז אין תוך — זינט איר פירער איז אומגעקומען — געוואָרן אַ ריינע פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג. די ערשטע גרופּע אירע איז אַוועק אין וואַלד דעם 24־טן יולי — צען טעג נאָך וויטענבערגס טויט. זינט דעמאָלט האָט זי בסדר גע־

---

*) זע דעם קאָמענטאַר צו דעם רעגולאַמין פון דער פּ. פּ. אָ. פּאַראַגראַף 8: „די פּ. פּ. אָ. וועט אַרויסטרעטן אין אַזאַ אַקציע פון די דײַטשן קעגן געטאָ... וואָס וועט ווערן אָפּגעשאַצט ווי דער אָנהייב פונם סוף".

שטראָמט צו די פּאַרטיזאַנער, אָפּזאָגנדיק זיך פּאַקטיש פון איר הויפּטציל: פּאַרטיידיקן דעם געטאָ.

דער סך הכל פון דעם אויבנגעזאָגטן איז אַזעלכער: די פּ. פּ. אָ. וואָס איז דעם 24־טן יאַנואַר 1942 אַנטשטאַנען ווי־א קאָנספּיראַטיווע פּאַרטיידיקונגס־אָרגאַניזאַציע פון די לעבן־געבליבענע 20.000 יידן אין ווילנער געטאָ, האָט אין משך פון איר קנאַפּער צוויי יעריקער טעטיקייט ווייניק וואָס געטאָן, כדי פּאָפּולער צו מאַכן די אידיי פון זעלבסטשוץ צווישן די ברייטע מאַסן און אַריינציען זיי אַקטיוו אין איר ווירקונגס־קרייז. זייענדיק פול מיט באַוווּנדערונג פאַר דעם העראָיזם פון אירע מיטגלידער, נישט אונטערשאַצנדיק לחלוטין אירע אויפטוען: אירע סאַבאָטאַזש — און דיווערסיע־אַקטן, אירע פּאַרטיזאַנישע וואַלד־קאַמפן — טאָר מען אָבער בשום אופן נישט פאַרזען, אַז דורך איר שוואַכער פּראָפּאַגאַנדע־אַרבעט האָט זי דעם רוב מנין ובנין פון געטאָ איבערגעלאָזט אונטער דער השפעה פון דער גענס־קליקע. מחמת דעם האָט עס געקענט דערגיין צו אַ לאַגע, אַז איר אייגנטלעכער פירער זאָל דורך גענסן און זיין פּאָליציי — ביי דער דירעקטער אונטערשטי־צונג פונם המון — אַרויסגעגעבן ווערן די דייטשן. זייענדיק פולשטענדיק איזאָלירט, שפּירנדיק די פּאַסיוויקייט פון דער מאַסע, האָט די פּ. פּ. אָ. פאַרשטייט זיך, נישט געקענט מיט דערפאָלג פּאַנאַנדערוויקלען אירע כוחות קעגן דעם שונא, און זי האָט דערפאַר איבערגעטראָגן איר טעטיקייט צו די פּאַרטי־זאַנער אין די וועלדער.

די געטאָ־באַפעלקערונג איז בעת דער ליקווידאַציע גע־בליבן אָן שוץ.

אָפּשייד

קאַפּיטל 21

אין יענע טעג בין איך שווער קראַנק געוואָרן און — ווערליק דער דרינגנדיקער עצה פונם דאָקטאָר — געדאַרפט זיך אַריינלייגן אין שפּיטאָל. מיינע פריינד האָבן אָבער געהאַל־טן, אַז אינם איצטיקן מצב פון ערב ליקווידאַציע שמעקט פאַר די חולאים דאָס ליגן אין יידישן שפּיטאָל מיט סכנת־נפש. זיי האָבן דעריבער געעצהט, אַז כ׳זאָל זיך אין געהיים אַריבערקריגן אויף דער אַרישער זייט צו מיין באַקאַנטן, דעם פּוילישן גימ־נאַזיע־פּראָפעסאָר אַלעקסאַנדער דוביצקי, און זיך היילן אונ־טער זיין שוץ.

הגם ס׳איז צווישן אונדז אָפּגערעדט געוואָרן, אַז נאָכן גע־זונט ווערן קום איך צוריק אין געטאָ, האָבן דאָך אַלע אין זיך אַנדערש געטראַכט. די ביטערע טעג, וואָס האָבן זיך אָנגערוקט, האָבן געמאַכט צווייפלען אין דער מעגלעכקייט פון אַזאַ צוריק־קער. די איינגנטלעכע שטימונגען אונדזערע זענען קלאָר געוואָרן אין דער געזעגענונגס־נאַכט פאַר מיין פאַרלאָזן דעם געטאָ. דאָס איז געווען אַ נאַכט פון אייביקן אָפּשייד. ס׳האָט אויס־געקוקט, ווי כ׳דאַרף זיך לאָזן אין אַ ווייטן וועג, און ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי כ׳וועל דערגיין און די געדאַנקען, וואָס די פריינד האָבן איצט אַרויסגעזאָגט און מיר מיטגעגעבן, ערגעצוווּ דערטראָגן...

— מיר וועלן זיך דאָך נאָך זען!... — האָב איך געטענהט.

— דו מוזט זיך היילן, — האָבן זיי געזאָגט. — אפשר וועט איינער פון אונדז לעבן בלייבן און דערציילן דער וועלט, וואָס די אומגעקומענע האָבן געטראַכט...

צווישן אונדז האָט זיך ביסלעכווייז געשאַפן אַן אומגע־זעענע מחיצה, ווי זיי וואָלטן פון אַ ווייטקייט גערעדט צו מיר, אין זייער קוקן אויף מיר איז געווען אַ סך מיטגעפיל, און ס׳האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן מיך פאַר עפּעס וואָס באַדויערט... מיר זענען אַ לאַנגע צייט געזעסן אַרום אַ טונקל־באַלויכטענעם טיש...

***

די דייטשן

עס איז נייטיק צו דערציילן דער וועלט, אַז דאָס ערגס־טע איז נישט דער טויט און נישט די פיזישע ליידן פאַרן טויט, נאָר דאָס שענדן די כבוד־געפילן פון די מענטשן. די דייטשן זייט דערין, אַז זייערע קרבנות זאָלן פאַרן שטאַרבן איבערלע־בן די טיפסטע דערנידערונגען.

די קאַלטבלוטיקייט, מיט וועלכער די דייטשן פירן אויס די עקזעקוציעס! כמעט אָן האַס. די דייטשן שיסן אויף אונדז, ווי זיי וואָלטן געשאָסן אויף פייגל אין דער לופט. די רוצחים פון אַנדערע פעלקער, וואָס העלפן די דייטשן — מיט משוגע־נער רציחה און ברענענדיקער שנאה, ווי זיי וואָלטן וועלן אויס־לאָדן אַ לאַנג געבאָוועטן, טיף פאַרשטיקטן געפיל.

ס׳זעט אויס, אַ זדי נישט דייטשישע רוצחים האַלטן אונדז אין תוך פאַר גלייכע מיט זיך. זיי הרגענען אונדז, ווייל מיר האָבן כלומרשט פאַרדינט אויף אַזאַ גורל צוליב אונדזערע זינד... די דייטשן דאַקעגן האַלטן אונדז פאַר אַזוי פיל מינדער־

ווערטיק, אַז מיר זענען בכלל נישט מסוגל אונטערצושיידן צווי־שן זינד און אומזינד. זיי פאַלן דערפאַר אריין אין אַ פּוריע, באַמערקנדיק, אין אונדז אַ פונק פון גלייכווערטיקייט אָדער יתרונדיקייט. דורך פייניקן, שלאָגן און געשרייען פּרוון זיי דעמאָלט צוריקברענגען די קרבנות צום צושטאַנד פון פּסיכי־שער געפאַלנקייט.

די דייטשן ווילן נישט בלויז דערנידעריקן די יידן אין די אויגן פון די נישט־יידן; זיי ווילן דורכויס צוברענגען צו דעם, אַז די יידן זעלבסט זאָלן זיך נעמען האַלטן פאַר נידערי־קער און אומווירדיקער פון אַנדערע.

דער געטאָ, די געלע לאַטע, דאָס נישט טאָרן גיין אויפן טראָטואַר וכ׳ זענען דערפאַר נישט בלויז מיטלען אויף אַרונ־טערצורייסן אונדז אין די אויגן פון דער אַרומיקער באַפעלקע־רונג. דאָס זענען גיכער ראַפינירטע תחבלותן אויף אָפּצוטיילן אונדז פון זיך אַליין. אַז מיר אַליין זאָלן אין זיך זעלבסט דער־גיין צו אַזאַ מדרגה, ווען דער קרבן נעמט אָן די אומרעכט און די אוממענטשלעכקייט פון די פייניקער ווי אַ גערעכטע און נאַטירלעכע זאַך.

די יידנראַטן ווייטער, די פּריווילעגירטע יידן אין לאַטעס, די סעלעקציעס, וואָס די יידן דאַרפן אָנווענדן צווישן זיך, זע־נען נישט בלויז הילפס־אָרגאַנען פאַר די דייטשן. זייער צוועק איז אַ סך אַ קאָמפּליצירטערער: די יידן אַליין זאָלן איינער אויפן צווייטן אָנהייבן צו קוקן אַזוי, ווי אַלע דייטשן קוקן אויף יידן. איין שיכט זאָל דעם צווייטן האַלטן פאַר מינדערווערטיקער און מער ראוי צו גיין צום טויט. אויף דער דייטשער פאָדערונג: גיט אונדז אַרויס אַזוי פיל און אַזוי פיל קעפּ — דאַרף די גע־פּאַ־אָנפירונג אַליין אויסקלייבן די מער מינדערווערטיקע קרבנות...

די שכנים.

ווער האָט אונדז געהרגעט? די דייטשן און זייערע באַהעלפער אויף פּאָנאַר, פּאָליאַקן האָבן אונדז אַרויסגעגעבן, ליטווינער האָבן אונדז געדרושעט אין די באַהעלטענישן. ווער ס'האָט געקענט, דער האָט געראַבעוועט. אוקראַינער האָבן געשריען צו די מענטשן: „גיט אָפּ אַלץ וואָס איר האָט, סיי ווי וועט איר באַלד שטאַרבן". אַמאָליקע קריסטלעכע שכנים האָבן איינער דעם צווייטן מקנא געווען: „אַ מענטש האָט עס מזל. אַ פּולער קעלער ביי אים מיט יידישע זאַכן..."

די קלויסטערס האָבן געקלונגען, מענטשן האָבן אין זיי תּפילה געטאָן, אַנדערע האָבן געשמועסט, געאַרבעט, געהאַנדלט, בעת זייערע יידישע שכנים, פרויען און קינדער זענען געפירט געוואָרן צום טויט. עטלעכע מיטפילנדיקע קריסטן האָבן געזאָגט: „וואָס פאַר אַן אכזרים די דייטשן זענען..." אַן איידעלע, קריסטלעכע פרוי איז אַפילו געפאַלן חלשות, צו...זנדיק זיך צו דער יידישער טויט־פּראָצעסיע... אָבער דאָס איז אַלץ!

פיל איידעלע פּאָליאַקן, ליטווינער און ווייס־רוסן העלפן אויסבאַהאַלטן יידן. זיי זיינען אָבער אַזוי ווייניק — פיל ווייניקער פון די אומגליקלעכע, וואָס ראַטעווען זיך פון די געטאָס. די מיטרוצחים, די גלייכגילטיקע און די פחדנים זענען אָבער אַזוי פיל — פילפאַכיק מערער פון די יידן, וואָס קומען אום.

די יידן צווישן זיך

עס וואָלט געווען פיל גרינגער צו קלערן וועגן דעם טויט, וואָס מוז באַלד קומען, ווען די דייטשן וואָלט נישט געלונגען צו דעמאָראַליזירן די אַטמאָספער אין געטאָ. די קרבנות אליין — וואָס זיי אַלעמען דערוואַרט דער זעלבער גורל — האָבן איבערגענומען די אוממענטשלעכע באַגריפן פון זייערע פייניקער. ס'איז נאָר איין טרייסט, וואָס די מאַסע גופא אין

דער רוב פון דער אינטעליגענץ זענען געבליבן זויבער ווי פריער. זיי שטעלן מיט זיך פאָר איין צעקאַליעטשעטן קערפּער, פון וועלכן ס׳רייסן שטיקער סיי די היטלעריסטן, סיי די מאָראַליש אָפּגעסמטע יידן.

ווי אַנדערש וואָלט אַלץ אויסגעקוקט, ווען די אַ דעמאָראַליזאַציע־סיסטעם וואָלט זיך אין געטאָ נישט אָנגענומען. דעמאָלט וואָלטן די קרבנות מיט אַ סך ווייניקער פאַרביטערונג געגאַנגען צום טויט. עס וואָלט דאַן געווען אין זייערע הערצער בלויז איין גרויסע פאַראַכטונג: צו די פרעמדע מערדער! שרעקלעך שווער איז אָבער צו שטאַרבן, ווען מ׳דאַרף פאַראַבטן די אייגענע ברידער.

דאָס וואָס געוויסע מענטשן פון דער יידישער אינטעליגענץ האַלטן אונטער די סיסטעם פון אַרויסגעבן די דייטשן די געפאָדערטע צאָל קעפּ באַווייזט, אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען די מאָראַלישע יסודות פונם יידישן פאָלקס־לעבן. די „נאַציע” שטייט ביי זיי העכער פונם לעבעדיקן ייד; דער ווילן אויפצוהאַלטן די נאַציע — העכער פונם מאָראַלישן ווילן אויפצוהאַלטן דאָס לעבן פון דעם מענטשן.

ווי אַזוי שטאַרבט דער ייד פון אונדזער צייט?

זייט וויסן, אַז אינם אופן ווי אונדזערע ברידער שטאַרבן, איז דאָ נישט בלויז קידוש־השם — עס איז אין אים אויך דאָ קידוש־החיים! גיין צום טויט הייסט ביים יידן: דער גרויסער אָפּזאָג פון אַ לעבן, ווו דאָס אוממענטשלעכע טרעט דאָס מענטשלעכע. גיין צום טויט הייסט: צוזאַמען מיטן יידן גייט אונטער דער געטלעך־מאָראַלישער יסוד פונם לעבן; עס בלייבט עקזיסטירן די חיהשע וועלט פונם תליון!

זייט וויסן, אַז די גאַנצע גייסטיקע האַלטונג פון מאַסן יידן פאַר און בעת דער עקזעקוציע האָט אויסגעדרוקט דעם

געוואלדיקסטן נשמהדיקן פראטעסט קעגן דער וועלט, פון וועל־בער זיי זענען אװעקגעגאנגען. מער ווי פראטעסט! א טיפע, פראציקע פרייד, וואס ס'איז דא אזא הערלעכע מעגלעכקייט נישט אנטייל צו נעמען אין אט דער בלוטיקער וועלט: אװעק־צוגיין פון איר!

ברידער פון אלע עקן ערד, וואס איר האט נישט ביי־געוווינט דעם טויט פון אונדזערע מארטירער! זייט וויסן, אז אין אט די הונדערטער, טויזנטער יידן פון די שטעט און שטעט־לעך, פון די געטאס און די לאגערס, וואס זענען געגאנגען צום טויט מיט פארפרעסטע ציין, אין א מוראדיק־טיפן, פארביסע־נעם שווייגן, האט געלעבט אזא מעכטיקע באשולדיקונג, אזא שטאלצער, פאראכטנדיקער ארויסרוף צום גאנצן מענטשלעכן מין, אז לגבי דער קראפט פון דער א שטומער באשולדיקונג קו־קן אוים און וועלן אויף אייביק אויסקוקן נישטיק, בלאס, קליין; אלע „על חטא"־קלאפונגען, אלע פארגיטיקונגען, אלע גע־וויסנס־אויפוואכונגען פון דער מענטשהייט. דאס מארטירע־רישע פאלק, וואס קומט אים, האט אויסגעשפיגן זיין גאליקע פאראכטונג אויף אונדזער וועלט. און זאל זי זיך פון אט דער טייטן־פאראכטונג רייניקן!

און נאך זאלט איר וויסן זיין, אז איבערגעבן אייך דעם היינטצייטיקן „שמע ישראל" פון אונדזערע מארטירער. הייסט איבערגעבן אייך זייער גרויסן ווייטיק און השתוממות צוליב דער שווערער שטראף, וואס האט זיי געטראפן, פאר־זינד, וואס זיי זענען קיינמאל נישט באגאנגען! זייער תמימות־דיקן, דערשיטערנדיקן שטוינען און פארצווייפלונג, וואס דווקא זיי איז באשערט צו פילן און צו זען די צעפאלונג פונעם מין מענטש.

איצט וועט איר שוין פאַרשטיין, וואָס אַזוינס באַדייט זייער פאַרביסן־שווייגנדיקער גאַנג צום טויט. ער באַדייט: דאָס מיטנעמען מיט זיך אין קבר די הייליקע יסודות פון אַ מענטש־לעך לעבן; די טראָגיקע פרייד פון אָפּשיידן זיך פון דער חיה־שער וועלט; די גרויסע באַשולדיקונג און פאַראַכטונג צום גאַנצן מין מענטש, און די טיפע פאַרצווייפלונג פון האָבן צו־געזען זיין ענדגילטיקע צעפאַלונג. אָט דאָס אַלץ צוזאַמען לעבט אין עם הארץ פון אונדזער שטאַרבנדיק פאָלק. אָט דאָס איז זיין נייער „שמע ישראל"!

וועגן דער יידישער וועלט ביז דער קאַטאַסטראָפע

מען קען די יידישע וועלט און איר אָנפירערשאַפט נישט באַשולדיקן אין דעם, וואָס זי האָט נישט פאָרויסגעזען דעם גרויסן אומגליק און זיך דעריבער נישט צוגעגרייט אים אַקעגנצווווירקן. פאָרויסזען אַן אומגליק — דאָס איז אַ גאָט־מתנה, און נישט יעדער איז מיט איר באַשאָנקען. אין איין זאַך מוז מען זי אָבער יאָ באַשולדיקן: וואָס זי האָט זיך אין משך פון דורות נישט אויסגעלערנט צו פאַרשטיין די פּסיכאָ־לאָגיע און די אייגנשאַפטן פון די סאַמע נאָענטע נישט־יידישע שכנים.

און די נשמה פון אַ ריי פעלקער צווישן וועלכע יידן האָבן געלעבט איז אַזעלכע, אַז אונטער דער גלאַטער, פּאָליר־טער דעק אירער האָט געפלאַקערט אַ העליש פייער פון טיף־איינגעוואָרצלטער שנאה און פאַראַכטונג צו אַלע שוואַכע, און צו די שוואַכסטע פון דער וועלט — די יידן. אָט די דאָזיקע תהומיקע שנאה זעצט אין משך פון דורות אין פאַרשידענע

געשטאַלטן אַרויס פון אונטער איר דינעם הייטל און דער־טרונקט אונדז אין ימען בלוט. עס קענען אונדז פון דער דאָזיקער שנאה נישט אויסהיטן אפילו די איידלסטע תקופות פון דער מענטשהייט. ווייל וואָס פאַרא סיבות עס זאָלן זי נישט האָבן אַרויסגערופן — זי עקזיסטירט ווי אַ מעבטיקער אינס־טינקט אין דער נשמה פון אַ סך פעלקער.

און ווייל זי איז געוואָרן אַן אינסטינקט ביי יענע פעל־קער, איז זי אומאָפהענגיק און שטאַרקער פון יעדן קולטור־מצב זייערן. קעגן זייער באַוווסטזיניקן ווילן רייסט זי זיך אַ סך מאָל אַרויס, ווי אַ פאַרניכטנדיקער שטראָם, און קיין שום דאַמבעס, קיין שום צוימען קענען אונדז נישט פאַרהיטן פון איר פאַרדאַרבנדיקן כוח.

צו אַט דעם שוידערלעכן אָבער בולטן אמת האָט זיך די יידישע וועלט קיינמאָל נישט געוואָלט — אָדער מורא גע־האַט — צו דערגרונטעווען. זי האָט שטענדיק געגלויבט אין אַ באַחרית הימים, ווען אונדזער פאָלק וועט פרידלעך לעבן אין אַ געדעכטער מענטשהייט, און קיינמאָל נישט איינגעשטעלט צו טראַכטן, אַז דער אַ באַחרית הימים קען אַמאָל קומען, ווען פון אונדזער פאָלק וועט קיין שריד ופליט נישט בלייבן...

וואָס וועלן די לעבנגעבליבענע דאַרפן לערנען פון דער פאָלקס-קאַטאַסטראָפע?

אַט דאָס שוידערלעכסטע אומגליק פון אַלע אומגליקן וועט דאַרפן זיין פאַר אונדזער לעבנגעבליבן פאָלק אַ גרויסע וואָרענונג וואָס שייך זיין צוקונפט, און אַן אויסגאַנג־פונקט צו אַ גרינטלעכן נאַציאָנאַלן חשבון הנפש.

די ערשטע לערנונג, וואָס דאָס פאָלק וועט דאַרפן לערנען, איז: אַז דער יידן־האַס איז אַ טיף פאַרזעצטע, פסיכישע

ספּרווזשינע אינעם אונטערבאַוווסטזיין פֿון אַ ריי פֿעלקער. מען
וועט דעם דאָזיקן תהומיקן אינסטינקט נישט אויסקאָרטשע־
ווען נישט דורך פּראָפּאַגאַנדע און נישט דורך שוץ־געזעצן.
מען וועט אפשר דורך אַזעלכע מיטלען אים אויף אַ צייט צווי־
מען, אָבער אינעם אינסטינקטן־לעבן פֿון יענע פֿעלקער וועט
ער ווייטער טליען און זיך רייסן צו דער אייבערפֿלאַך.

דער מוסר-השכל, וואָס דאָס פֿאָלק וועט דאַרפֿן אַרויס־
טראָגן פֿונעם פֿאַקט, אַז עס עקזיסטירט אַ מעכטיקער יידן־
האַס, איז: ווי ווייט מעגלעך זיך אַרויסקלייבן פֿון צווישן יע־
נע פֿעלקער. ווי שווער ס'זאָל נישט אָנקומען אַזאַ אַרויסציִ, מיט
וויפֿל פֿיזישע און גייסטיקע פּראָבלעמען ער זאָל נישט זיין
פֿאַרבונדן — מוז דער שווער פּונקט פֿונעם יידישן נאַציאָנאַלן
זיין אַריבערגעטראָגן ווערן דאָרט, וווּ נייע שנאה־ אויסברוכן
זאָלן אים נישט באַדראָען. זאָל פֿאַר די לעבנגעבליבענע שטיין
דאָס בילד פֿונעם געטאָ־ייד, וואָס בענקט אין טיפֿן דאָרשט
נאָך אַזעלכע ווינקעלעך ווייט פֿונעם תליונס בליק. זאָל שטיין
פֿאַר זייערע אויגן דאָס בילד פֿון הונדערטער, טויזנטער קינ־
דער, וואָס מיט זייער טויט האָבן זיי געזאָגט: פֿאַרגעסט נישט
אין אייער לייכטזיניקייט אונדזער אומקום! זעט, אַז די קינדער
פֿון דער צוקונפֿט זאָלן אַזוי נישט ווערן געטראָפֿן ווי מיר זע־
נען געטראָפֿן געוואָרן.

דער צווייטער מוסר השכל, וואָס מען וועט דאַרפֿן
אַרויסציִען, איז: לייגן אין דער צוקונפֿט מער אַכט אויף דער
דערציִונג פֿונעם יידישן יחיד. זאָלן נישט פֿאַרגעסן ווערן די
שווערע ליידן פֿון די געטאָס מחמת דער פֿאָלקס־פֿיינדלעכער
טעטיקייט פֿון געוויסע כלל־טוער. זאָל מען געדענקען, אַז פֿיל
יידישע יחידים האָבן אַרויסגעוויזן ווייניק ליבע און ווייניק

פארשטענדעניש פאר דעם לעבן פון זייערע מיטמענטשן. און זאָל מען נישט פארגעסן, אז דער ייד האָט אפילו צווישן זיינע אייגענע ברידער נישט שטענדיק געפונען שוץ פאר זיין לעבן און ווערדע.

דער דריטער מוסר־השכל, וואָס די יידן — וועלכע וועלן ווייטער לעבן צווישן די פעלקער — וועלן דארפן ארויסציען פון דער פאָלקס־קאַטאַסטראָפע, איז: גרינטלעך עטיזירן זייערע לעבנס־יסודות. אינעם יידישן באוווסטזיין דארף זיך איינמע־סערן דער געדאנק, אז א שוואך, צעזייט און צעשפרייט וועלט־פאָלק וועט מיט די כלי־זיין פון וואָרט, צי פון פראָפאגאנדע, צי פון יושר־אפעלן נישט אויסוואָרצלען קיין האָס־אינסטינקט. און אוודאי וועט ער אים נישט אויסוואָרצלען מיט די כלי־זיין פון שלעכטס. פון אונדזער שלעכטס וועט שטענדיק שטאַר־קער זיין דעם שונאס שלעכטס. ניוועלירן דעם דאָזיקן אינס־טינקט, אונטערגראָבן אים אין זיינע סאַמע וואָרצלען קען איינ־ציק און בלויז די עטישע טאָט!

און עטישע טאָט הייסט: איבערברעכן זיך! אפזאָגן זיך אין די ראַמען פון דער היינטיקער וועלט פון אַלע פרנסות, וואָס זענען פארבונדן מיט מענטשן־עקספּלאָאַטאַציע און אויסנו־צעריי. איבערגיין צו פּראָדוקטיווער, נוצלעכער ארבעט און לערנען זיך צו שאַנעווען פרעמדע פעלקער און מענטשן, פונקט ווי מען האָט ליב און מען שאַנעוועט דאָס אייגענע פאָלק.

ווייל ווי שווער ס'זאָל אים נישט זיין צו ענטפערן מיט גוטס אויף שלעכטס — דאָס מוז אונדזער שווערגעפּרוווט פאָלק שטענדיק געדענקען: די קראַפט פון גוטס איז שטאַרקער ווי די קראַפט פון שלעכטס!

אויפן צווייטן טאָג האָב איך זיך מיט דער הילף פון די פריינד ארויסבאַקומען אויף יענער זייט געטאָ.

רשימה פון די וויכטיקסטע געשעענישן אין ווילנער געטאָ

24־טן יוני — 1941 — די דייטשע אַרמיי מאַרשירט אַריין קיין ווילנע.

4־טן יולי — אַרעסט פון אַ ריי רייכע יידן און קאָנפיסקאַציע פון זייער פאַרמעגן.

17־טן יולי — פאַראָרדענונג וועגן געלע לאַטעס (אונטערגעשריבן פונם מיליטערישן קאָמענדאַנט צענפּפעניג).

13־טן יולי — די ערשטע כאַפּעריי פון יידן דורך געסטאַפּאָ־אויטאָס.

15־טן יולי — אָנהייב פון סיסטעמאַטישער כאַפּעריי אין די גאַסן און הייזער.

2־טן אויגוסט — דאָס אָנקומען פון דער דייטשער ציווילער מאַכט. פאַראָרדענונג וועגן גיין איבער שאָסיי, נישט איבער אַלע גאַסן, און נאָר ביז 6 אָוונט. פּראָוואָצירנדיקע געשעענישן אין שפּיטאָל אויף נאָוואָגראַד. קאָנטריבוציע פון דער יידישער באַפעלקערונג.

31־טן אויגוסט — פּראָוואָקאַציע אין ראַיאָן פונם קומענדיקן געטאָ.

1־טן סעפּטעמבער — פאַראָרדענונג צו גיין נאָר ביז 3 אַזייגער. פּראָוואָקאַטאָרישער אויפרוף צו דער באַפעלקערונג, אַז יידן האָבן דערהרגעט אַ דייטשן זעלנער. פאַראָרדענונג אָפּצוגעבן אַלע ווערטפולע זאַכן און געלט, איבערלאָזנדיק צו 300 רובל אויף אַ פּערזאָן.

6־טן סעפּטעמבער — די יידן אַריין אין 2 געטאָס.

7־טן סעפּטעמבער — אוועקגעשיקט יידן פון געוויסע ראַיאָנען אין לוקישקער תפיסה. גרינדונג פון יידנראַט און פּאָליציי.

11־טן סעפּטעמבער — אוועקגעשיקט אויף פּאָנאַר אַ געוויסן טייל פון די יידן אין לוקישקער תפיסה.

15־טן סעפּטעמבער — ערשטע שחיטה־אַקציע אין 1־טן געטאָ.

15־טן אָקטאָבער — אַקציע אין 2־טן געטאָ.

16־טן אָקטאָבער — אָנגעהויבן אַרויסגעבן געלע און ווייסע שיינען.

21־טן אָקטאָבער — אקציע אין 2־טן געטאָ.

24־טן אָקטאָבער — אקציע אין ערשטן געטאָ קעגן די ווייסע שיינען.

28־טן אָקטאָבער, — 30־טן: פולשטענדיקע ליקווידאַציע פון 2־טן געטאָ.

3־טן נאָוועמבער — ווייטערדיקע אַקציע אין 1־טן געטאָ קעגן די ווייסע שיינען.

21־טן נאָוועמבער — אוועקגעפירט עטלעכע הונדערעט יידן אויף פאָנאַר.

אָנהייב 1942 — סטאַביליזאַציע פון דער לאַגע. גרינדונג פון טעאַטער, שולן, ליטעראַטן־פאַריין, קאַפייען, סימפאָנישן אָר־קעסטער א. א. וו.

24־טן יאַנואַר — 42 — גרינדונג פון פ. פ. אָ.

6־טן יולי — זעקס געהאַנגענע אין געטאָ.

12־טן יולי — גענס־געטאָ־פאָרשטייער.

17־טן יולי — אַקציע איבער די אַלטע לייט.

צווישנצייט — עס הייבן אָן דערשיינען די געטאָ־ידיעות.

אָקטאָבער — טיילווייזע אַקציע אויף דער פראָווינץ מיט דעם אָנטייל פון דער געטאָ־פאָליציי.

20־טן מערץ — ליקווידאַציע פון יידישע וואַלד־לאַגערן.

5־טן אַפּריל — קאָוונער אַקציע. דאָס פאַרגאַרן די פראָ־ווינצער יידן אויף פאָנאַר.

6־8־טן אַפּריל — יידישע פאָליציי באַערדיקט די קרבנות. נערוועזע שטימונג אין געטאָ.

צווישנצייט: פאַרשאַרפטער קורס פון דער געטאָ־אָנפירונג לגבי דער פ. פ. אָ.

26־טן יוני — ליקווידאַציע פון די לאַגערן אין בעזדאַן, קעני. יידן פון רעשע און ביאַלאַ־וואַקע — אין ווילנער געטאָ.

16־טן יוני — וויטענבערג אַרויסגעגעבן דער געסטאַפּאָ. זיין טויט.

24־טן יולי — די ערשטע גרופּע פ. פ. אָ.־מיטגלידער גייט אַרויס אין וואַלד.

1־טן אויגוסט — רעדוקציע פון יידן אין 105 איינהייטן.

6־טן אויגוסט ערשטער טראַנספּאָרט קיין וויוואַרי.

25־ן אויגוסט — צווייטער טראַנספּאָר קיין ווייוואַרי.
1־טן סעפּטעמבער — פולשטענדיק געשלאָסן דעם געטאָ.
ווייטערדיקע געשעענישן ביז דער ליקווידאַציע פון געטאָ:
עסטאָנישע אַקציעס, גרופּעס פון פ. פּ. אָ. — אין וואַלד.
13־טן סעפּטעמבער — געגס דערשאָסן. דעסלער — געטאָ־פאַרשטייער.
18־ן סעפּטעמבער אַ טייל יידן אַריבערגעפירט אין ה. ק. פּ.־בלאָק און קריגס־לאַזאַרעט.
" — אוקראַינער רינגלען אַרום דעם געטאָ. דעסלער און זיין קליקע אַנטלויפן.
סוף סעפּטעמבער:
ליקווידאַציע פון געטאָ. די רעשט יידן קיין עסטאָניע, אַ טייל — אויף פּאָנאַר. די לעצטע מיטגלידער פון פ. פּ. אָ. גייען אַרויס אין וואַלד.